די ווידער וואָס ווילן דורכאויס, אַז מ'זאָל פון זיי הערן איבער דער גאַ־
רער וועלט פראַווען אַליין זייערע יובילעאומס מיט גרויסן טראַסק.

אָבער עס וואָלט זיכער געווען אַ גרויסע עולה פון אונז דאָ, ווען מיר
זאָלן אינגאַנצן פאַרגעסן אין די, וואָס נעמען אַנטייל אינם גייסטיקן שאַפן פון
אונזער ישוב דאָ; פאַרזען צומאָל דעם איינציקן ליכטיק יום־טוב טאָג וואָס ער
מוז כאָטש אַרויסשיינען אין די צענדליקער יאָרן פון גרויער אַרבעט. נישט
אָנמערקן צומאָל דעם מיילשטיין אין דעם שווערן וועג פיל מיט שטרויכל־
שטיינער פון אַ יידישן פּאָעט דאָ אין פאַרוואָרלאָזטן לאָנדאָן.

און ס. פּאַלמעס וועג האָט נאָך פיל מער שטרויכלונישן, ווייל פּאַלמע
פּרוווט זיך אויף אַלע געביטן פון דער קונסט. ווי אַ שרייבער שרייבט פּאַלמע
געדיכטע (צוויי בענדער), פּראָזע (צוויי בענדער) און אַ דראַמע האָט ער
לעצטנס געשריבן (אויפגעפירט פון מאַרק מאַרקאָוו) און פון צייט צו צייט
שרייבט ער אַרטיקלען אונטער דעם פּסעוודאָנים אַלגאַריער.

ער האָט אויך יאָרן לאַנג געפּרוווט אין באַלעט און אין די גאַלעריען זעט
מען אָפט זיינס אַ געמאָלט בילד און אין ביכער אַ צייכענונג פון אים, אָדער אַ
סקולפּטור. ער שאַפט אויך אַליין מוזיק צו זיינע לידער!

אין אונזער קיבוץ דאָ איז ס. פּאַלמע אָן שום ספק אַן אוניקום אין זיין
אַרט! עס איז אַ שווער דאָרנדיקער וועג. נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק שוין,
ווען ס'איז דערשינען זיין ערשט בוך „רויטע רויזן", האָט ער דעם דאָרנדיקן
וועג זיינעם — אונזערן! — געפּרוווט באַפּלאַנצן מיט רויזן און בלומען.

צו זיין יובילעאום ווינטשן מיר אים כוח און מוט ווייטער צו קאָנען אָנ־
גיין מיט זיין אַרבעט, אויף אַלע זיינע געביטן.
א. נ. ש.

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאַכמיטאַגס

### אין יידישן רידינג-רום, 38 אדלער סט.—3 אזייגער נאכמיטאג

שבת, דעם 18־טן מערץ, וועט דער פּאָעט י. ה. לעווי האַלטן אַ
פאָרטראַג: וואָס קענען מיר יידן געווינען אין דעם קריג. ער וועט אויך
פאָרלייענען פון זיין נייעם בוך. עס באַטייליקן זיך נאָך י. ביעטש און
אייזיק גאָלדבערג.

שבת, דעם 25־טן מערץ, וועט אליהו פּאָלושאַק האַלטן אַ פאָרטראַג:
אַן אַרמיי גייט נאָך אייראָפּע. דאָראַ דימאַנט וועט רעציטירן היינע.

שבת, דעם 1־טן אַפּריל, די טראַדיציאָנעלע שבת־הגדול פייערונג.

שבת, דעם 8־טן אַפּריל, דעם ערשטן טאָג פסח וועט זיין אַ שבת
לכבוד פסח. חזן ראָטה וועט זינגען יידישע חד־גדיא'ס און אַנדערע פסח־
לידער. מ'וועט לייענען שלום־עליכם'ס באַקאַנטע פסח הומאָרעסקעס.

**א. נ. שטענצל**

---

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאַוועל סט., E.1.



50



# א פסח און פרץ העפטל

## חד גדיא

פאַריידישט פון י. ל. פרץ

דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
פון ערגעץ־וואו געבראַנגט,—
פאַר צוויי גילדוין אַ ציגעלע
די קינדערלעך געשענקט.
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

טאַנצט אַרום דאָס ציגעלע
דאָס ווייסינקע אין הויף.
איז אַ שוואַרצע קאַץ פאַראַן,
כאַפּט זי, פרעסט עס אויף.
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

היט זיך, היט זיך, קעצעלע,
דער הונט איז אויפן פּלאַץ!
ער גיט אַ ביל, ער גיט אַ שפּרונג, —
אַן עק שוין פון דער קאַץ!

אויסגעצויגן ליגט זי שוין
צעביסן און דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

קומט אַרויס דאָס שטעקעלע,
אַ שטעקעלע פון וואַלד,
וואַרפט זיך אויפן הונט אַרויף,
וואַרפט זיך און צעשפּאַלט

דעם הונט, דעם הונט, דאָס קעפּעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

פליט אַרויס פון ערגעץ־וואו
און באַפאַלט דעם שטאָק,
אַ פייערל מיט רויטינקע
צינגעלעך אַ שאָק!

מיט צינגעלעך, ווי שלענגעלעך,
צישט עס און פאַרברענט —
דאָס שטעקעלע, וואָס האָט דאָ ערשט
געבראָכן ריק און לענד

און קאָפּ דעם הינטעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט;
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

פליסט זיך אָן אַ וואַסערל,
דעם וואַסערל פאַרדריסט:
„וואָס ברענט אַזוי דאָס פייערל?"
נעמט עס שנעל, פאַרגיסט!

פאַרטיליגט שוין דאָס פייערל,
וואָס האָט דעם שטאָק פאַרלענדט,



ווייל ער האָט דעם הינטעלע
געבראָכן ריק און לענד

און קאָפּ דעם הינטעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט, —
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

דאָס דערזעט אַן עקסעלע,
צום וואַסערל אַ שפּרונג!
וויל דער אָקס זיך נוקם זיין,
צי גלאָט, ער וויל אַ טרונק!?

ווער פאַרשטייט, וואָס וואַלגערט זיך
אין מוח'ל ביי אַ רינד?!
אַ שפּרונג, אַ זופּ און אַ לעק,
און דאָס וואַסערל פאַרשווינדט!

אויס דאָס וואַסערל, וואָס האָט
דאָס פייערל פאַרלענדט —
דאָס פייערל, וואָס צאַרניק האָט
דאָס שטעקעלע פאַרברענט.

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

באַווייזט זיך באַלד אַ שוחטל,
גערעכט צי נישט גערעכט,
כאַפּט אַרויס דאָס חלפל,
כאַפּט דעם אָקס און שעכט!

דעם אָקס, דעם אָקס, דעם גרויסן אָקס,
וואָס האָט דאָס וואַסערל פאַרלענדט,
ווייל פאַרנישט דאָס פייערל,
וואָס האָט דאָס שטעקעלע פאַרברענט!

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

האָט עס דער מלאך פון טויט דערזען,
מיט די טויזנט אויגן!
צעשפּרייט ער באַלד די פליגל שוואַרץ,
קומט ער אָנגעפלויגן.

„אוי, וואָס האָסט דו, מענטש, געטון?“
געוואָרט עס קוים אַן אויגנבליק,
כאַפּט דעם שוחט ביים גרגרת,
כאַפּט דאָס מעסערל און — כיק!

ווייל ער האָט דעם אָקס געקוילעט,
וואָס האָט אַ וואַסערל פאַרלענדט,
ווייל עס האָט אַ פלאַם פאַרגאָסן,
וואָס האָט דאָס שטעקעלע פאַרברענט,

ווייל עס האָט דעם קאָפּ געשפּאָלטן
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט.
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

ווערט דער כביכול צאָרניק:
„נאָר געראַנגלט און געפּאַכטן!“



און האָט, אין זיין גערעכטיקייט,
דעם טויט אַליין אויף טויט געשאָכטן!

און, ווי אַלע טויטע טויט,
ליגט דער מלאך אויסגעשפּרייט,
וואָס האָט דאָס שוחטל געקוילעט,
ווייל ער האָט דעם אָקס געטייט!

וואָס האָט דאָס וואַסער אויסגעטרונקן,
וואָס האָט דאָס פייערל פאַרלענדט,
ווייל ער האָט מיט רויטע צינגלעך,
דעם האָלצערנעם שטאָק פאַרברענט,

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

## באפרייענדיקע און פריידיקע פארעם
### (א מין אריינפיר צו אונזער פסח-און פרץ העפטל)

1.

ווי לאַנג אונזער גייסטיק שאפן, אונזער אינערלעך־פסיכישער אויסדרוק וועט נישט באַקומען זיין אייגענע לעבנס־פעאיקע פאָרעם, ווי לאַנג אונזער קולטור וועט נאָר זיין אַ ציַיטווייליק מיטל בלויז צו אַ צוועק, וועלן מיר פאַר די פעלקער אויך נאָר זיין מיטלען בלויז פאַר זייערע צופעליקע צוועקן.

דאָס בעטרעטענע ליים אונטער אַלעמענס פיס וועלן מיר בלייבן אויף תמיד, אויב מיר וועלן נישט קענען, חלילה, אויסמאַדעלירן דאָס פעסטע געפעם פאַר אונזער מהות — מיט די ערד, וועלכע מיר זיינען נישט בכוח געווען, זי אויסצופאָרמען אין אַ וויכטיק און ווירדיק כלי, וועלן מיר מכסה זיין אונזער אומזיסט פאַרגאָסן בלוט.

דאָס אייל אויף די רעדער, פאַר יעטווידן שווינדלדיקן פאַרדרייטן אויפטו, וועט אונזער מאַרך אייביק זיין, אויב מיר אַליין וועלן נישט עקשנותדיק און מיט התמדה שטיין ביי אונזער אייגענעם „טעפּער ראָד“ — דער „חרס הנשבר“ וועלן מיר בלייבן אין אייגענע אָפּהענטיקע און אין פרעמדע הערשערישע הענט.

וואָרום פונקט אזוי ווי מיטן פּאָרעם, וואָס א שטאָף באקומט, פּארלירט זיך די טעמפּע האמעטנער מאסע, פונקט אזוי ווערט די פאָלקס־מאסע ערשט גייסטיק פריי, אומאָפּהענגיק און פסיכיש־באוועגלעך מיט אירע געשאַפענע פאָרמען—מיט איר אסאָסיאציע און הארמאָניעס! וואָס באפרייען און דערפרייען! די לײַדנשאפטן זיינען נישט מער דעמלט צעשטערעריש־כאאָטיש; דער קרענקלעכער איך פאָרעמט זיך צו א ווירקלעכן און ווירקנדיקן כאראקטער.

מען קאָן בשום אופן דאָס שאפן פון א פאָלק נישט אָפּטיילן פון זיין פּאָליטישעה און סאָציאַלער סטרוקטור — קולטור איז דור־דורותדיקער אויס־דויער! ניט בחנם טראָגן אלע פעלקער זייער קולטור מיט שטאָלץ אויף זייערע קעפ ווי ס׳טראָגן די הערשן זייערע הערנער געצווייגן — יעטווידער דור, אויב ער בלייבט אין עקזיסטענץ, מוז ברענגען א נייעם שטאָלץ־צעוואקסע־נעם קולטור־צווייג. פּאָרעם איז געלייטערטער שטאָף פון אלע פּסולתן, וועלכע באפרייט דאָס מענטשלעכע הארץ פון אלע שלעכטקייטן און דערפרייט עס.

.2

יעדע אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט האָט שוין איר אייגענע פּאָרעם, פונקט ווי יעטווידער קאָלעקטיוו זיין געמיינשאפטלעכן אויסדרוק, וואָרעם נאָר וויפיל דער מהות איז אנדערש, אויף אזוי פיל איז אויך אנדערש די פּאָרעם — עס איז אומטיילבאר איינס פונם אנדערן, פונקט ווי מ׳קאָן א וואסער־טראָפּן נישט אָפּטיילן פון זיין פייכטקייט —

קונסט־פּאָרמען אָבער קאָנען פארגלייכט ווערן צו געלייטערטע טוי־טראָפּן, וועלכע פאלן צוריק אראָפּ, הימליש־געלויטערטע, זון־צעשפיגלטע. און זיי זיינען א הארציקע דערפרישונג פאר אויפבליענדיקן לעכצנדיקן צוויט, פאר די זיך אויפרייסנדיקע קנאָספּן; און צו אייז־בלומען, וועלכע לייכטן אראָפּ אין טויזנטער פּאָרמען און קאָלירן, קונציק אויסגעהאָפטן אויף די פענסטער־שויבן, ווי אויף ווייסער מאָרע־זייד אין א העפט־ראַמען.

ס׳איז דער זעלבער ברידערלעכער וואסער־טראָפּ, נאָר זיך הערהאָיש אדורכגעקעמפט דורך הונדערטער כעמיש־פיזישע פּראָצעסן; דורך טויזנט נסיונות און געפערלעכע אטמאָספערעס איז ער אדורכגעגאנגען העלדיש און געלייטערט, און באהאלטן זיין אינערלעכע לחלוחות—און זי באהאלטנדיק אלץ מער זי געלייטערט! דער אויסדויער מאכט פון איינפאכער פּאָרעם קונסט־פּאָרעם.

יאָ, מיט זיינע אייגענע גופים גייט א פאָלק אויף דעם געשיכטלעכן נצחון פון זיין נצחיות! דורך זיין אייגען בלוט גייט עס דורך דעם צערווישטן ים פון געשעענישן צו זיין אייגען לעבן. זיין אויפשלאָכץ איז דער ריטמיש־געפאָרעמטער דריי־קלאַנג פון זיין פרימיטיווער שירה—לעבעדיק פאָלק איז לעגענדע און האנדלדיקער קולט!

די טויזנטער געשעענישן—אָביעקטיוו ווי זיי זיינען געזען און אויפגענו־



מען, געלייטערט דורך אלע נסיונות פון א סוביעקטיוון כאראקטער — גרויסע קונסט־פּאָרעם ווערט עס דעמלט, און ס׳ווערט עכטער אויסדרוק פון געמיינ־זאמען קאָלעקטיוו, און עס ווערט גייסטיקע באפרייאונג.

.3

זיכער איז דער וועג פון אונזער גייסטיק שאפן א שווערערער פון די אנדערע פעלקער! וויפיל געפארן און ענדערונגען, וויפיל הינדערנישן און שטרויכלענישן אינם כה־הקלע־גאנג פון אונזערן יעדן דור.

אָבער מיט וויפיל אונזער וועג איז שווערער ווי די וועגן פון די אנ־דערע פעלקער, אויף אזויפיל איז דערפאר אונזער נסיונותדיקער און געפאר־פול גאנג אויך נאטירלעכער צו געלייטערטער פּאָרעם — —

און איז דען דער טייערער איידל־שטיין עפּעס אנדערש ווי פארהארטע־וועטער פארשטיינערטער פּאָרעם? זיין לענגערער אויסדויער, אינם שווערן דרוק פון מיליאָנען יאָרן נישט צוריבן צו ווערן און צו באהאלטן זיין קובישע פּאָרעם, זיינען דאָס די ליכטיקייטן וואָס שטראַלן הערהאָיש פון אים ארויס און צעפונקלען אזוי זיינע געהארטעוועטע קאנטן.

אז מיר האָבן אזא אויסדויער געהאט באוויזן עס, נישט נאָר א סך פון אונזערע ווערטפולע קונסט־שאפונגען פון אונזערע ערשטע און אלטע דורות, וואָס ביזן היינטיקן טאָג גייען מיר נאָך אין די אויסשטראַלונגען פון יענע ליכטיקייטן—און נישט נאָר מיר, נאָר גאַנצע פעלקער! — נאָר אויך די קלאסיקער פון אונזער מאָדערנער ליטעראטור האָבן עס שוין באוויזן קלאָר און דייטלעך. און בעיקר י. ל. פּרץ, וועלכער האָט מיט זיינע פאָלקסטימ־לעכע און חסידישע דערציילונגען ארויסבאקומען אייגנארטיק־געלייטערטע יידישע פּאָרעם. און מיט זיינע פּערזן, ווי האָט ער זיך דאָס געזוכט אין אלע אונזערע טיפענישן, צו באפרייען און דערפרייען אונזער נשמה פון איר טעמפּ־קייט און האמעטנעקייט.

אָבער אז מיר זאָלן קאָנען איצט און ווייטער — און עכט און מיט רעכט! — טראָגן שטאָלץ אונזער קאָפּ צווישן די איבעריקע שאפנדיקע פעל־קער, מוז אויך אונזער בלוטיקער פינסטערער איצט קאָנען אויפבליצן ווי א געשליפענער רובין, מוזן אויך די ליכטיקע שטראַלן פון אונזער גייסטיק שאפן זיין מיט־פארפלאָכטן אינם שטאָלצן־געצווייג — אין דער אייביקייט ארין וואקסנדיקע קולטורן.

א. נ. ש.

# דער כוח פון אמת

(די מעשה פון די דריי יינגעלייט און ווי אזוי ירושלים איז צוריק אויפגעבויט געווארן)

און דער קעניג דריוש האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר אלע זיינע בני־בית, און פאר אלע פירשטן פון מדי און פרס, און פאר אלע סאטראפן און גענעראלן און גובערנאטארן, וואס זענען געווען אונטער אים, פון הודו ביז כוש אין די הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות. און ווען זיי האבן געהאט געגעסן און געטרונקען, און זייענדיק זאט זענען זיך אהיימגעגאנגען, איז דער קעניג דריוש ארויפגעגאנגען אין זיין שלאפצימער, און זיך געלייגט שלאפן, און האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף.

דעמלט האבן די דריי יינגעלייט, די לייב־וועכטער, וואס האבן באוואכט דעם קעניגס פערזאן, געזאגט איינער צום אנדערן: זאל יעדער פון אונז זאגן א ווארט, וואס איז דאס שטארקסטע: און וועמעס ווארט וועט זיך ארויסווייזן קליגער ווי דעם אנדערנס, זאל דער קעניג דריוש אים שענקען גרויסע מתנות, און גרויסע אויסצייכענונגען פון נצחון: מען זאל אים אנקליידן אין פורפור, און ער זאל טרינקען אין גאלד, און שלאפן אויף גאלד, און האבן א רייטוואגן מיט א גאלדן ציימל, און א טורבאן פון טייערער לייוונט, און א קייט ארום דעם האלז: און זאל זיצן אויפן צווייטן ארט נאך דריוש צוליב זיין חכמה, און הייסן דריושס קוזין. און דעמלט האט יעדער איינער אויפגעשריבן זיין ווארט, און עס פארחתמעט, און געלייגט אונטער דעם קעניג דריושס קישן, און געזאגט: ווען דער קעניג וועט אויפשטיין, זאל מען אים געבן דאס געשריפטס; און וועמען דער קעניג וועט צומשפטן און די דריי שרים פון פרס, אז זיין ווארט איז דאס קליגסטע, זאל אים געגעבן ווערן דער נצחון, לויט ווי עס שטייט געשריבן. דער ערשטער האט געשריבן: ווייין איז דאס שטארקסטע. דער אנדערער האט געשריבן: דער קעניג איז דאס שטארקסטע. דער דריטער האט געשריבן: פרויען זענען דאס שטארקסטע; נאר איבער אלעם זיגט דער אמת.

און ווען דער קעניג איז אויפגעשטאנען, האבן זיי גענומען דאס געשריפטס, און אים געגעבן, און ער האט עס איבערגעלייענט. און ער האט געשיקט רופן אלע שרים פון פרס און פון מדי, און די סאטראפן, און גענעראלן, און גובערנאטארן, און קאנסולן; און האט זיך געזעצט אויפן טראן; און מען האט פארגעלייענט דאס געשריפטס פאר זיי. און ער האט געזאגט: רופט די יינגעלייט, און זאלן זיי קלאר מאכן זייערע ווערטער. און מען האט זיי גערופן, און זיי זיינען אריינגעקומען. און זיי האבן צו זיי געזאגט: דערקלערט אונז וועגן די זאכן, וואס איר האט געשריבן.

און דער ערשטער, וואס האט געזאגט וועגן דעם כוח פון ווייין, האט אנגעהויבן, און אזוי געזאגט: א הארן, (זעט) ווי דער ווייין איז גובר! ער פארפירט אלע מענטשן, וואס טרינקען אים, פון דעם שכל הישר: ער מאכט דעם פארשטאנד פון קעניג און יתום אלץ איינס; דעם קנעכטס און דעם



פרייען מענטשנס, דעם ארימאנס און דעם עושרס. און ער פארקערט יעדן שכל צו לוסטיקייט און צו זיך־לאזן־ווילגיין, אז ער גדענקט מער נישט קיין צער און קיין חוב. און ער מאכט יעדעם הארץ רייך, אז ער גדענקט קיין קעניג און נישט קיין סאטראפ; און מאכט אלעם רעדן דורך טאלאנטן: און זיי גערענקן נישט, ווען זיי טרינקען, ליב צו האבן פריינט און ברידער, און אביסל שפעטער ציען זיי ארויס די שווערדן. און ווען זיי כאפן זיך אויף פון שכרות, געדענקן זיי מער נישט וואס זיי האבן געטון. א הארן, צי איז דען דער ווייין נישט דאס שטארקסטע, אז ער צווינגט אזוי צו האנדלען? און נאך דעם ווי ער האט אזוי גערעדט, האט ער געשוויגן.

און דער צווייטער, וואס האט געזאגט וועגן דעם כוח פון קעניג, האט אנגעהויבן צו רעדן: א הארן, די מענטשן, וואס געוועלטיקן איבער ים און יבשה, און איבער אלעם, וואס איז אין זיי, צי שטייגן זיי דען נישט (אלעמען) איבער אין כוח? דער קעניג אבער איז נאך מעכטיקער: ער הערשט איבער זיי און איז זייער בעל־הבית; און וואס ער זאל זיי נישט זאגן געהארכן זיי. ווען ער הייסט זיי האלטן מלחמה איינער קעגן דעם אנדערן, טון זיי עס. און ווען ער שיקט זיי ארויס קעגן די שונאים, גייען זיי, און ברעכן דורך בערג, מויערן, און פעסטונגען. זיי הרגענען און ווערן געהרגעט, און זענען נישט עובר אויף דעם קעניגס באפעל. און אויב זיי געווינען דעם נצחון, ברענגען זיי אלעם דעם קעניג, דאס זאקרויב און אלדאס איבריקע. און אויך יענע, וואס זענען נישט קיין זעלנער און האלטן נישט מלחמה, נאר באארבעטן די ערד, ווען זיי האבן געשניטן וואס זיי האבן פארזייט, ברענגען זיי עס דעם קעניג, און צווינגען איינער דעם אנדערן צו צאלן מס דעם קעניג. און ער אליין איז בלויז אן איינציקער מענטש: ווען ער הייסט טייטן, טייט מען; ווען ער הייסט אפלאזן, לאזט מען אפ; הייסט ער שלאגן, שלאגט מען; הייסט ער חרוב מאכן, מאכט מען חרוב; הייסט ער אויפבויען, בויט מען אויף; הייסט ער אפהאקן, האקט מען אפ; הייסט ער פלאנצן, פלאנצט מען. און דאס גאנצע פאלק זיינס און זיינע חיילות געהארכן אים. צו דעם אלעם לייגט ער זיך אנידער, עסט און טרינקט, און שלאפט: און זיי האלטן א וואך ארום אים, און קיין איינער טאר נישט אוועקגיין, און טון זיין אייגענע ארבעט, זיי טון אויך נישט ווידערשפעניגן קעגן אים. א הארן, ווי אזוי איז דער קעניג נישט דאס שטארקסטע, אז אלע געהארכן אים אזוי? און ער האט געשוויגן.

און דער דריטער, וואס האט געזאגט וועגן די פרויען און דעם אמת — דאס איז געווען זרובבל — האט אנגעהויבן צו רעדן: א הארן, צי איז דען דער קעניג נישט גרויס, און די מענטשן א סך, און דער ווייין מעכטיק? ווער דעריבער איז עס, וואס איז בעל־הבית איבער זיי, אדער ווער איז עס, וואס טוט איבער זיי געוועלטיקן? צי זענען דען דאס נישט די פרויען? די פרויען האבן געבוירן דעם קעניג און דאס גאנצע פאלק, וואס הערשט איבער ים און יבשה. יא, פון זיי זענען זיי געקומען: און זיי האבן דערצויגן די, וואס פלאנצן ווייינגערטנער, פונוואנען דער ווייין קומט. און זיי מאכן די מלבושים

פאַר די מענער; און אָן די פרויען קענען נישט זיין קיין מענער. און ווען זיי זאַמלען אָן גאָלד און זילבער און יעדע אַנדערע שיינע זאַך, און זעען אַ שיינע פרוי אין פיגור און שיינקייט, פאַרלאָזן זיי דען נישט אַלץ, און פאַרשווענדן עס אויף איר, און גאַפּיען מיט אָפן מויל קוקנדיק אויף איר, און אַלע באַגערן זי מער ווי גאָלד און זילבער און שיינע זאַכן. אַ מאַן פאַרלאָזט זיין אייגענעם טאַטן, וואָס האָט אים דערצויגן, און זיין אייגן לאַנד, און באַהעפט זיך מיט זיין ווייב. מיט דעם ווייב פאַרברענגט ער זיין לעבן, און געדענקט נישט קיין פאָטער, קיין מוטער, נישט אפילו זיין לאַנד. דערפון דאַרפט איר וויסן, אַז די פרויען הערשן איבער אייך: צי האָרעוועט איר דען נישט און פּראַצעוועט, און ברענגט אַלץ און גיט עס די פרויען? אַ מאַן נעמט זיין שווערד, און גייט אַרויס אונטערוועגנס, צו רויבן און גנבענען, און פאָרן אויף ים און טייכן; און טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיט חיות רעות, און שלייכט אַרום אין דער פינסטער; און ווען ער האָט אָנגעגנבעט, און אָנגעגזלט, און אָנגערויבט, ברענגט ער עס צו זיין געליבטער. און אַ מאַן ליבט זיין ווייב מער ווי דעם פאָטער אָדער די מוטער. און אַ סך זענען אפילו אַראָפּ פון זייער זינען צוליב די פרויען, און געוואָרן שקלאַפן צוליב זיי. אַ סך זענען אומגעקומען, און האָבן געשטרויכלט, און געזינדיקט צוליב פרויען. נו, גלויבט איר מיר איצט נישט? איז דען דער קעניג נישט גרויס אין זיין מאַכט? פאָרכטן זיך דען נישט די לענדער אים אָנצורירן? דאָך האָב איך אים געזעען און אַפּמה, דעם קעניגס קעפּס־ווייב, זיין עקסעלענץ ברתקו׳ס טאָכטער, זיצן אויף דעם קעניגס רעכטער זייט, און זי האָט אַראָפּגענומען די קרוין פון דעם קעניגס קאָפּ, און זי אַרויפגעזעצט אויף איר אייגענעם קאָפּ; זי האָט אפילו געשלאָגן דעם קעניג מיט איר לינקער האַנט: און צו דער צו האָט דער קעניג געגאַפט אויף איר. שמייכלט זי צו אים, שמייכלט ער: ווייזט זי אים אָבער אַ ביטערע מינע, חנפעט ער זי, כדי זי זאָל זיך איבערבעטן מיט אים. אָ האַרן, ווי אַזוי זענען די פרויען נישט מעכטיק, אַז זיי האַנדלען אַזוי?

דעמלט האָבן דער קעניג מיט די שרים געקוקט איינער אויפן אַנדערן: און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם אמת. אָ האַרן, זענען דען די פרויען נישט שטאַרק? די ערד איז גרויס, און דער הימל—הויך, און די זון—גיך אין איר לויף, מחמת זי גייט אַרום דעם הימל אין אַ קרייז, און לויפט צוריק צו איר אָרט אין איין טאָג. צי איז זי דען נישט גרויס, וואָס טוט די דאָזיקע זאַכן? און דער אמת איז גרעסער און שטאַרקער ווי אַלץ! די גאַנצע ערד רופט דעם אמת, און דער הימל טוט אים לויבן. אַלע מעשים ציטערן און טרייסלען זיך, און מיט אים איז נישט פאַראַן קיין אומגערעכטיקייט. ווין איז אומגערעכט, אַלע מענטשנקינדער זענען אומגערעכט, און אַלע זייערע מעשים זענען אומגערעכט; און אין זיי איז נישט דער אמת; און זיי קומען אום אין זייער אומגערעכטיקייט. בלויז דער אמת בלייבט, און איז מעכטיק אויף אייביק; לעבט און שטאַרקט זיך לעולמי עולמים. און ביי אים גיבט



נישט קיין נושא־פּנים זיין, נישט קיין אונטערשייד; נאָר ער טוט דאָס, וואָס איז יושר׳דיק, (און האַלט זיך צוריק) פון אַלע עוולות און בייז; און אַלע זיינע מעשים געפעלן אַלעמען. און אין זיין משפּט געפינט זיך נישט קיין אומגערעכטיקייט; און ער איז די קראַפט, און דאָס קעניגרייך, און די מאַכט, און די מאַיעסטעט פון אַלע צייטעלטער. געלויבט איז דער גאָט פון אמת. און ער האָט אויפגעהערט צו רעדן. און דער גאַנצער עולם האָט דעמלט אויסגעשריגן, און געזאָגט: גרויס איז דער אמת, און מעכטיקער איבער אַלעם.

דאַן האָט דער קעניג געזאָגט צו אים: בעט וואָס דו ווילסט נאָר מער ווי דאָס וואָס שטייט געשריבען, און מיר וועלן עס דיר געבן, ווייל דו ביסט געפונען געוואָרן דער קלינגסטער; און וועסט זיצן נעבן מיר, און הייסן מיין קוזין. דעמלט האָט ער געזאָגט צום קעניג: געדענק דעם נדר, וואָס דו האָסט געמאַכט אויפצובויען ירושלים, אין דעם טאָג, ווען דו האָסט איבערגענומען דיין קעניגרייך, און אָוועקצושיקן אַלע כלים, וואָס זענען גענומען געוואָרן פון ירושלים, וועלכע כורש האָט אָפּגעשיידט, ווען ער האָט געמאַכט אַ נדר צו פאַרשניידן בבל, און געשוואוירן זיי צוריקצושיקן דאָרטן אַהין. דו האָסט אויך געשוואוירן אויפצובויען דאָס בית־המקדש, וואָס די אדומים האָבן פאַרברענט, ווען יהודה איז פאַרוויסט געוואָרן פון די כשדים. און איצט אָט דאָס דאָזיקע איז עס, וואָס איך באַגער פון דיר, אדוני מלך, און וואָס איך בעט דיך, און דאָס איז די הערלעכקייט, וואָס קומט פון דיר. איך בעט דעריבער, אַז דו זאָלסט מקיים זיין דעם נדר, וועלכן דו האָסט צוגעשוואוירן דעם קעניג פון הימל מיט דיין אייגן מויל, אַז דו וועסט אים האַלטן.

דעמלט איז דער קעניג דריוש אויפגעשטאַנען, און האָט אים געקושט, און אים געלאָזט שרייבן די בריוו צו אַלע שאַצמייסטערס און גובערנאַטאָרן און גענעראַלן און סאַטראַפּן אַז זיי זאָלן אים באַגלייטן און אַלע, וואָס גייען אַרויף מיט אים, אויפצובויען ירושלים.

(קאַפּיטל דריי און אַ טייל פון קאַפּיטל פיר פון ספר „עזרא“ ב׳.).

פון גריכיש, א. אלמוג.

אסתר קרייטמאַן

## בשעת אַ סדר *

בערמאַן האָט אַליין צוגעגרייט דעם פּסח. אַליין באַשטעלט מצות, אַליין אויסגעקליבן ביים קצב עטלעכע הינער, אַליין באַשטעלט ווין און אַלערליי געטראַנקען, אַליין געכשרט און גערוימט, געקאָכט און געפּרעגלט. גאַנצע אָוונטן אַרומגעדרייט זיך אינעם ווייסן כאַלאַט, געוויזן רחלען די איינגעהאַנדלטע פּסחדיקע זאַכן, געוואָלט זי זאָל באַטאַפּן די הינער, פאַרמאַכט איין אויג און מיטן אַנדערן דורכגעקוקט די לויטערקייט פון די אייער—געקוקט

* אַ טייל פון אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן „דימאַנטן“, וואָס וועט דערשיינען בקרוב אין „פּוילס׳ פערלאַג“.

מיטן אייגענעם אינטערעס ווי בשעת ער קוקט דורך די לויטערקייט פון די דימענטן.

רחל האט זיך נישט צוגערירט, זי האט אויף אלעם צוגעשאקעלט מיטן קאפ, געחלשט צו זאגן דעם מאן, ער זאל איר צורו לאזן.

פסח, צום ערשטן סדר, איז אין דער פראנט־שטוב געשטאנען דער לאנגער טיש מיט א ווייס־אנגעקראכמאליעט טישטוך, מיט דריי בוקעטן בלומען, וואס זשאנעט האט צוגעשיקט מיט דער דינסט. דאס גאנצע זילבער ארויסגענומען, ארויסגעשפרייט איבער דער לענג פון טיש. די גאלדענע כוסות אויף א גאלדענער טאץ ארום א פינקלדיקרע קארפינקע גליענדיקן ווין. עטלעכע פארבלאטיקטע ראשון־לציון פלעשער דערלעבן. אינעם אפענעם קאמין האט געברענט א העל פייער, געשפרייט א ליבע, אינטימע וואַרעמקייט צוזאמען מיט א־נגידישער רחבות. אינעם לאמפ האבן אלע טיילן געברענט, העל און לויטער געברענט. אין די גרויסע, זילבערנע לייכטער האבן גרויסע ליכט געברענט, יום־טובדיקער געמאכט דעם יום טוב.

בערמאן איז געזעסן אויבנאן אין א ווייטן קיטל מיט א ווייסער, זילבער־באנייטער יארמולקע אויפן קאפ. קעגנאיבער — דער פאטער, אויך אין א ווייסן קיטל מיט א ווייסער, זילבער־באנייטער יארמולקע, אויפן אלטן קאפ. האבן זיי אויסגעזען ווי צעוויי מלכים, איינער א יינגערער, פון א גרעסער לאנד, וואס האט פערבעטן אן עלטערן מלך פון א קלענערער מדינה, א שכנותדיקע, צו זיך צוגאסט. ארום טיש—דער איידעם מיט דער טאכטער.

רחל—א פארצאגטע, אין א יום־טובדיק קלייד, מיט כלל נישט קיין יום־טובדיק פנים, זשאק—לעבן פאטערס רעכטער זייט, גרייט צו פרעגן די קשיות. פלוצלינג האט זיך דערהערט א שטילער קלאפ אין טיר און עס איז אריינגעקומען די שכנה פון ערשטן שטאק, אינגאנצן איינגעהילט אין שווארצן, מיט א דיקער, שווארצע קרעפע, טיף אראפגערוקט איבערן הוט, איבערן פנים, מיט א קאשיק אין א שווארץ־באהענטשקעטער האנט, און א בריוו—אין דער אנדערער. די פרוי האט אביסל פארהויבן די קרעפע איבערן בלאסן פנים, געוואלט עפעס זאגן, נאר איידער זי האט באוויזן א ווארט ארויסצופארען האט זיך רחל אויפגעשטעלט, א לאז געטון זיך מיט אויסגעשפרייטע הענט נאכן בריוו און נישט באוויזן צוצוקומען נאנט גענוג, כדי אים איבערצונעמען. זי האט א שלוכץ געטון, א געשריי געטון: „בראך איז צו דער מאמען“, א שטילן זאג געטון „ס׳איז מיר נישט גוט“. א וואקל געטון זיך און א פאל אוועק אויף דער פאדלאגע, מיט א שווערקייט פון א שטיין. ס׳איז געווארן א געוואלד, מ׳האט גענומען שרייען, רייסן זי, גיסן איר בראנפן אין פארהאקטן מויל אריין, מ׳האט איר געקניפט, געריסן פון איר שטיקער.

פון ערשטן שטאק איז אראפגעקומען צולויפן דער שכן. אלע קינדער נאך אים! אלע אין שווארצן.

דער אלטער ר׳ חיים יוסף האט פארגעסן, אז ער איז געליימט, ר׳האט זיך א לאז געטון צו דער שנור, אליין שיער נישט אוועקגעפאלן און מיטגע־



שלעפט דאס טישטוך מיט זיך; ס׳האבן זיך גענומען שיטן כלים מיט א זילבערנעם געקלאפער. ס׳האט זיך געגאסן דער ווין פון די גאלדענע כוסות. ס׳טישטוך האט אנגעהויבן ברענען אויף דער ערד, לעבן דער טויטער.

די קולות זענען געגאנגען עד לב השמים. זשאנעטס דינסט האט געבראכט צושלעפן א טאפ וואסער פון זיך, געפרווט לעשן די שרפה. זשאק איז געווען דער איינציקער, וואס האט געדענקט, אז מען דארף אנקלינגען נאכן דאקטער, וואס האט געוווינט אין שכנות.

דער דאקטער איז אינגאנצן מבולבל געווארן. א מאדנע בילד האט ער דא פאר זיך געהאט: צוויי יידן אינגאנצן אין ווייסן, א גאנצע משפחה אין שווארצן, גאלדענע און זילבערנע כלים וואלגערן זיך אויף דר׳ערד, אין דער נעץ ליגט דער טויטער גוף, ארום איר ברענט. די לעבעדיקע, וואס זעען אויך אויס ווי טויטע, רייסן פון איר שטיקער. טייל רייסן שטיקער פון זיך אליין. א קליינע פרוי אין שווארצן, שטייט אין א ווינקל ווי א גיפעסענע פיגור, קוקט אויף איין ארט מיט פארגלייזטע אויגן און זעט אויך אויס ווי א טויטע זאך.

דער דאקטער האט בלויז געקענט פעסטשטעלן, אז זי איז טויט, רחל, און אז לויט זיין מיינונג איז זי געשטארבן פון א הארץ־שלאג.

א. נ. שטענצל

## אזא אלי-נביא באלאדע היי-יאר

.1

די זילבערנע סדר־שיסל כביכולס
איז פולע לבנה קיילעכדיק און גרויס;
חרוסת, זרוע און געריבענער מרור,
די פלעקן אויף איר, וואס האכטן זיך אונז אויס.

און יעטווידער שטערן א גילדערנער כוס,
קאן מען זיך דענקן און פארשטעלן אליין,
וויפיעל מלאכים ס׳מוזן דאס אנקומען
כביכולס געסט ביים פסח־סדר צו זיין.

יין־המשמר — נישט עפעס פראסטער ווין! —
גיסט מען פול די פינקלדיקע כוסות אן,
ווען צום קדוש כביכול שטעלט זיך אויף,
פון זיין הסב־בעט, זיין גין־גאלדענעם טראן.

די קשיות ווער ס׳האט די זכיה צו פרעגן,
א בעלן צו וויסן ס׳וואלט יעדער געווען;
און ערשט דער תירוץ „עבדים היינו“ — — — —
מיט מענטשלעכע אויגן דאס איינמאל צו זען?!

מוז דאָס זיין אַ געשמאַקער „שלחן־ערוך“,
אַבי איבערגעקומען די „מצה זו“ — —
אַ גאַנצע חד־גדיא אויף יעדן טעלער,
מיט לויתן און מיט שור־הבר דאַצו.

מער פון די קניידלעך ווי פון דער הגדה,
עס האַלטן דאָך זיכער די מלאכים אויך!
וואָרים אויסצוהאַלטן די אַרבע־כוסות,
מוז מען זיך אונטערגאַרטלען טאַקע מיט כוח —

פון די מכות בלויז וואָס זיי וואַרפן אַרויס,
אַ וועלט צו פערטיילען מיט צרות און פיין . . .
און דעם אפיקומן אַפוירצוגנבענען,
איז שוין אַ שטיקל פאַרן שטן אַליין!

ווער ברויך עפענען אַ טיר צו „שפוך חמתך“,
אַז מ׳לעבט זיך אין הימל דאָס גאַנצע יאָר? . . . .
און אליהו — מיט מים־אחרונים
ער וועט שוין אָנקומען צום בענטשן, און גאָר —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער ווי לאַנג נאָך קאָן מען דאָס וואַרטן,
אָט איז שוין נאָך האַלבער נאַכט, ס׳קרייט באַלד דער האָן,
פאַרלאָשן ווערן לבנה און שטערן,
נאָך אײדער נאָך דער סדר הייבט זיך גאָר אָן.

צו די בני־ברק קריאת שמע צו דערמאָנען,
שנעל אויף איין פוס מ׳מוז שוין געבן אַ לויף.
ביז ווי לאַנג קאָן מען דאָס וואַרטן און האַרן,
גייט נישט ליכטיק דער מאָרגן־שטערן שוין אויף?

.2

אַ פנים, אונטער דעם טיש, דעם געדעקטן,
ס׳האָט ווער אונטערגעוואָרפן אַ מת,
און כביכול מיט אַלע זיינע געסט
אַנטרינען זיינען נאָר דורך עפּעס אַ נס.

ווי ליידיק דער הימל און ווי גרויליק שטיל,
די לבנה, ווי זי וואָלט בלייכן פון שרעק:



קומט מען נישט אָן פון אַלע זייטן טונקעלע,
מיט העק צעבליצטע און מיט פינסטערע זעק?!

אָ, וואָסער טויטער, וואָסער געוואַלטיקער,
דאָס אונטערגעלייגטע בלבול מוז דאָס זיין,
אַז נישט באַהאַלטן זיי האָבנס נישט געקענט
און אַנטלאָפן ווו אין ווייטער וועלט אַריין —

ניין, זיי וועלן זיך צום סדר נישט זעצן,
די גאַנצענע נאַכט מען קען וואַרטן — אָ, ניין!
וואָרעם דאָס בלוט־בלבול אונטערגעוואָרפן,
ס׳האָט גאָר אליהו הנביא אַליין —

או אַז ער וואַרפט אונטער ווער וועט ראַטעווען?
ס׳איז אליהו נישט עפּעס דאָרט אַ כאָם!
און נישט אַ ממזרוק איז עס, אַ „שרץ“!
פאַר אַ קליינשטעטלדיקן עלילת־דם — —

אַ גאַנצע שטאָט יידן, אַ געקוילעטע,
ער האָט בסוד געברענגט אין הימל אַרויף,
אויב אַזוי איז גאָטס משפט, און ער בלייבט גערעכט,
וועט ער צו זיין סדר איצט מאַכן אַ סוף!

„מ׳קאָן שוין די קשיות, מ׳קאָן שוין דעם תירוץ,
עס העלפן נישט מער קיין דיבורים אַצינד!
ווייניק בלבולים האָב איך מיך אָנגעזען,
און קעגן דעם וואָס איצט — אַ שטויבל אין ווינד.

„טאָ, ווייס איך שוין וואָס איך האָב צו טון אַצינד,
און זאָל איך דער רשע פון דער הגדה זיין!
ניין, זיי וועלן זיך צום סדר נישט זעצן,
די גאַנצע נאַכט מען מעג וואַרטן — אָ, ניין!

„אויף דער ערד אונטן ווער ברויך נאָך אַ בלבול
סתם אַזוי גאַנצע שטעט איצט הרגעט מען אויס,—
זאָל כאָטש אַ זכר לבלבול — כאַ־כאַ־כאַ! — —
ווייניקסטנס דאָ אין הימל בלייבן נאָך בלויז —“

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווי פון אַ ים אַרויס, אַ בלוטיקן,
אַז ס׳ווערט אַזש פינסטער אין די אויגן דערפון,
אַן אָנגעזאָפּטע, אַ בלענדנדיק רויטע,
עס גייט אויף הייאָר די פסחדיקע זון!

## פאר די קארפאטן יידן

.1

ווי פון פעלזיקע סקאַלעס אויסגעהאַקטע,
ווי אויסגעקנאָטענע פון ליימיקער ערד,
אַזוי זעען זיי אויס די יידן פון דאָרט,
מיט זייערע מאָכיק צעשויבערטע בערד.

און די אויגן אונטער די גרויסע ברעמען,
פון דעם געדיכטען זשמור אַרויסצוזען קוים,
אַזעלכע שטילנדיקע, פינקלדיקע,
באַרג־קוואַלן אונטער אַ שאָטנדיקן בוים.

קאַלערדיקע שטיינער פון דער הויך אַראָפּ,
אַריינפאַלנדיקע אין אַ טיפן טייך,
פון זייערע קעלן אַרויס די ווערטער
פאַלן זיי מיט אַזאַ כאָרכלדיק געקייך.

אין פונקט ווי עס וואָלט געננומען קרעכצן אַ וואַלד,
איז עס ווען צום הימל זיי הויבן די קעפּ — — —
אָ, אַ שאַרפע האַק גייט צווישן די שטאַמען,
ביז דאָ אַהער הערט מען איצט הילכן די קלעפּ.

.2

בלייבן דאָך איבער די וואָרצלען, די פניאַקעס,
פון ליימיקער ערד נישט אויסצוקאָרטשען זיי;
פאַרטיפטער נאָך עס ציען זיך די וואָרצלען
אין פינסטערניש פאַרפלעכט פעסטער זייער ווײ.

און ווען נישט לעבעדיק שוואַלבן געפלאַטער
צוויטשערט פריילעך מער צווישן זייער געצווייג,
צעגלאַנצט דער מוילוואָרף איצט מיט זיין גאַנצן לייב,
פון וואָרצל צו וואָרצל מיט זיין סודות־געשוויג.

די מאַזאַלעס־הענט פון יענע יידן דאָרט
ווי צעקוואַלענע וואָרצלען איבער דער ערד!
און ווי די פניאַקעס נישט אויסצוקאָרטשען זיי,
זעען אויס זייערע קעפּ מיט די ברייטע בערד —

אַ שפּיץ פון זיין באָרד וועט אַזויבער גריזשען
נישט אויסצוגיין אין זיין הונגער, אין זיין נויט;
אַ שטיק סקאַלע ליגט ער אַ געקוילעטער,
טיפער נאָך צו פאַרוואָרצלען מיט זיין טויט.



געווידמעט מאַרשאל זשוקאָוו

.3

דאָרט אין די בערג וועלן אויפגיין די נסים,
דאָרט אין די טאָלען וועט דאָס וואונדער געשען,
אויף זיינע וואַנדלונגען דאָרט דער בעל־שם
האָט עס דעמלט שוין אַזוי הימליש געזען.

דאָס איז די ליכטיקע פרייד זיינע געווען,
וואָס געטראָגן ער האָט וואונדערלעך אין זיך!
אויף אַ סקאַלע דאָרט אַ קמיעה געשריבן
פאַר די שרעקלעכע טעג פון חבלי־משיח — —

מיט יענעם רייטער וואָס יאָגט איילּיק און גיך,
די יידן צו דערלייזן פון זייער פּיין,
ס׳האָט אויפגעהילכט זיין האַרץ פריידיק געוואַלטיק,
ווי אונטער די טלאָען דאָרט אַ סקאַלע שטיין.

דאָרט אין די בערג וועלן וואונדער אויפגיין!
דאָרטן אין די טאָלן וועט דאָס נס געשען!
קעגן די פריידן וואָס גייען אָנקומען,
וואָס זענען אלע יסורים וואָס געווען?!

.4

(דעם בעל־שם׳ס תפילה)

אַזאַ געוואַלטיקייט גייט אויף אין איינעם,
אַזאַ פשוטן באַרג־ייד אַז מען דערזעט —
אַ סקאַלע אויפגעבראָכן מיט קלאָרע קוואַלן,
עפענט זיך ס׳האַרץ אויף מיט לויטערסטן געבעט — — —

ווי דאָס פערדל זיינס פונקט, וואָס ער פירט צום טרונק,
אַזוי איינפאַך איז ער דאָך און אַזוי פראָסט!
גאָט, אַז גאַנץ פאַרטיליקט חלילה מיר ווערן,
וועסט דו דאָך בלייבן פאַרוואָגלט און פאַרלאָזט.

דעם „אלי אלי למה עזבתנו“!
דו וועסט דאָך רופן, ווען חלילה ס׳וועט געשען.
גאָט, געטראָפן כ׳האָב דאָ אַ פראָסטן באַרג־ייד,
און פנים אל פנים איך האָב דיך דערזען —

אַ פאַרשטיינערטער, אַן אויפגעבראָכענער,
אַ צער אַזוי אייביק, אַזוי טיף ווי דו — — —
שטיי איך דאָ, אָפן און לויטער: נישט פאַר אונז —
פאַר דיר גאָר, כביכול, תפילה איך טו — —

# „הרי אני כבן שבעים שנה"

(א בריף פון הלל צייטלין *)

הלל צייטלין
ווארשא, שליסקא 60
טעל. 264-36.

ורשה, יום ה' פרשת „בשלח פרעה את העם ולא נחם אלקים", תרצ"ח.

זעהר געעהרטער און געטרייער פריינד הרב ר' יהושע שפעטמאן! איך האב דערהאלטען אלע אייערע לעצטע בריף מיט די אויסצוגען פון די צייטונגען מיט די בריעף פון הרב.... איהר שטעהט און שרייט: „געוואלד! היתכן? שמו שמים!" איך שטעה שוין אזוי איבער 40 יאהר און שריי „געוואלד!" און קיינער הערט מיך ניט, ווייל — „ערלה אזנם ולא יוכלו לשמוע" „ואם חי ד' יאמרו — לכן לשקר ישבעו"...

איהר שיקט מיר צו גאנצע מגילות און פאדערט פון מיר דורכאויס, אז איך זאל וועגען די לאנדאנער יודישע בעלי־טובות מרעיש עולם זיין און איהר ווייסט גאר ניט, אז איהר זענט א „לועג לרש" אדער אזא איינער, וואס שיט מיר זאלץ אויף די וואונדען. איהר ווילט זיך ניט רעכענען מיט'ן פאקט, אז איך קען אין „מאמענט" ניט דרוקען קיין ריין אמת ווארט, פונקט ווי איהר קענט אין לאנדאנער „צייט" ניט דרוקען קיין אמת ווארט וועגען די לאנדאנער בעלי־טובות. די פאר ארטיקלען, וואס איך האב יא געשריבען וועגען דעם ענין, איז מיר אנגעקומען מיט צרות און האב זיי מתחלה געשריבען פיעל ווייכער ווי איך האב זיי בעדארפט צו שרייבען. און וואס דארפט איהר מעהר? איך האב מיט א פאר וואכען צוריק אנגעשריבען א גאנץ אונשולדיג ארטיקעלע א. נ. „משולחים" אין וועלכען איך האב קיין שום נעמען ניט אנגערופען און האב אויסגעמיטען אלע שארפע אויסדריקען, נאר איך האב פארגעשטעלט דעם פאקט, אז די חברות און די פארטייען שטערן זעהר פיעל דער אלגעמיינער אקציע פון הילף פאר די פוילישע יודען דורך דעם, וואס יעדע איינציגע פארטיי און פארטייעלע, יעדע איינציגע חברה און חברה'לע, שיקט ארויס אייגענע משולחים, וועלכע פערביליגען די גאנצע הילפס אקציע און פערוואנדלען זי אין א גראשענדיגער שנארער־אקציע. וואס זשע מיינט איהר האט געטהון מיין אלטער רעדאקטאר מורה מורנו צבי הירש פרילוצקי זאל מאריך אף זיין? ער האט מיר גלייך צוריקגעשיקט דעם ארטיקעל. וועט איהר פרעגען: פאר וואס? פאר גאר נישט. די דאזיגע לייט האבען אלע א ב א ז ו נ־

*) מיר דריקן אפ דעם סימבאלישן בריף „הרי אני כבן שבעים שנה", וועלכער האט אויך א שייכות מיט אונזער לאנדאנער קולטור־לעבן, פון דעם באוווסטן שרייבער און דענקער הלל צייטלין. דער בריף איז פון א בריף־זאמלונג וועלכע געפינט זיך ביי דעם באקאנטן לאנדאנער רב הרב יהושע שפעטמאן, מיט וועלכן צייטלין האט זיך קארעספאנדירט כל ימיו. מיר דריקן דעם בריף אין דער ארטאגראפיע אין וועלכער ער איז געשריבן אין אריגינאל.



ד ע ר ן חוש פאר שקר און וואו זיי דערשפירען א ריין אמת ווארט קענען זיי איהם בשום אופן ניט פערדייען. זיי קענען זיך איינע אויף די צווייטע און זיי באשיצען גאנץ אינסטינקטיוו איינע די צווייטע. און וואס קען איך דען העלפען? איך שריי און שרייב שוין צו מיינע גוטע פריינד אין א משך פון יאהרען: שאפט פאר מיר כאטש א וואסער ס'איז פרייע טריבונע, וואו איך זאל קענען ארויסזאגען אלץ, וואס ס'דריקט מיר אויפ'ן הארצען און קיינער, אפילו מיינע בעסטע פריינד, הויבען ניט אן צו פערשטעהן די דרינגענדע נויטווענדיגקייט פון דער זאך. הרי אני כבן שבעים שנה (ווען מען ווערט אלט 66 יאהר, אגב, ניט 67 יאהר ווי איהר האט אמאל געשריבען, מעג מען שוין זאגען „הרי אני כבן שבעים שנה". אויב רבי אליעזר בן עזריה האט עס געקענט זאגען צו אכצעהן יאהר, לויט דער גמרא, מעג איך דאך צו 66 יאהר אודאי זאגען עס) און שוין איבער 40 יאהר אז איך בין בארופען צו זיין א שליח־צבור פון כל ישראל, ולא זכיתי — און האב נאך אלץ ניט זוכה געווען, אז איך זאל האבען כאטש א וואסער ס'איז אייגענעם ארגאן און זאל זיין כאטש דער קלענסטער. איך האב מיך מיט א יאהר צוריק (אין ווינטער פון תרצ"ז) מאוס געמאכט און האב געפיהרט א לאנגע קארעספאנדענץ וועגען דעם מיט א פאר יונגע לייט פון ביאליסטאק וועגען דעם און בעקומען האב איך פון דעם נאר הרפות און בזיונות און הארצוועהטאג. איך האב אייך אויך איינינגע מאל געשריבען וועגען דעם מיט איינינגע יאהר צוריק און איהר האט רעאגירט דערויף דערמיט, וואס איהר האט געשריבען וועגען דעם מיר א פאר לויב־ארטיקלען אין די „צייט". וואס האב איך אבער פון אט די לויב־ארטיקלען? און וואס האט עמיצער פון זיי? וועגען מיין „דממה וקול" און וועגען מיין 40 יעהריגע ליטערארישע און געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט זענען געשריבען געווארען שטארקע לויב־ארטיקלען כמעט אין אלע יודישע און העברייאישע צייטונגען פון כל תפוצות הגולה און קיינעם פון אט די שרייבער איז ניט איינגעפאלען, איך רייד שוין ניט וועגען ארויסגעבען כאטש א טהייל פון מיינע ווערק, כאטש וועגען שאפען פאר מיר אויף די עלטערע יאהרען די מעגליכקייט ארויסצוזאגען אלץ וואס איך דענק וועגען דעם גורל פון יודען — כאטש אין פארם פון קליינע ביליגע בראשורען. ג—ט מיינער איינציגער! יעדער מינדעסטער רעפארטער ביי יודען שאפט פאר זיך אנ'אייגען ארגאן, און הלל צייטלין, א מענש, וואס קען מיט זיינע ווערק און ארטיקלען אנפילען א ביבליאטעק א גאנצע, דארף צו זיין כל ימיו אנ'עבד נרצע ביי די אלערליי צייטונגס־מאכערס ביי וועלכע מען ווערט, ווילענדיג נישט ווילענדיג, אויסגעלאשען און אבגעשוואכט און מען געוועהנט זיך איין ניט וועלענדיגערהייד צו בעבען און צו פאנפען אנשטאט צו ריידען דבורים, וואס זאלען מוזען אלעמען אויפרודערן, דבורים, וואס זאלען וועקען די פארשלאפענע און זאלען אנווארפען א פחד אויף די אלערליי שוטים און צבועים און רשעים, וואס האבען שוין צייט יאהרען בעהערשט די יודישע גאס, און זיי פיהרען דאס יודישע פאלק גלייך צום תהום.

די פערזאָנען פון ווארשא, וועלכע איהר דערמאָנט אין אייער בריף, זענען, נאַטירליך בעסער פון אייערע „הייליגע אונטער־וועלט“. עס איז אָבער ווענען זיי אויך שייך צו זאָגן—„ולא נחלו על שבר יוסף“, וד"ל.

איך שרייב דאָס אייך אַלץ ניט נור בכדי „צו אויסגיסען דאָס הארץ“, נאָר אויך מיט א בעהאַלטענער נארישער האָפענונג... מיט א האָפענונג אויף א נס, בפירוש — אויף א נס... „מגלגלין זכות על ידי זכאי“. אפשר — וועט איהר אָבשרייבען פון מיין בריף עטליכע קאָפּיעס אויף א שרייב־מאַשין און בעווייזען זיי יחידי סגולה, אָבער טאַקי נור יחידי סגולה, וואָס וועלען קענען שאַפען פאַר מיין ענין א סומע פון 100 צי 150 פונט, נ י ט בתורת מ ת נ ה , נור ב ת ו ר ת ה ל ו א ה (בפירוש בתורת הלואה) אויף ארויסצוגעבען כאָטש א צעהן־פופצעהן צייט־בראָשורען אין וועלכע מען זאָל קענען ארויסזאָגען, ניט ווי יעצט, האַלבע אמת'ן אָדער דריטעל אמת'ן, נור טאַקי דעם ג א נ צ ע ן אמת. דאָרט וואָלט מען געקענט ארויסזאָגען דעם גאַנצען אמת אויך בנוגע לאָנדאָנער און ניו יאָרקער בעלי־טובות און עהנליכע „בעגליקער“ פונ'ם יודישען פאָלק.

איך האָב מיט יאָהרען צוריק געפּרובט ארויסגעבען אזעלכע בראָשורען מיט אייגענע מיטלען („הלל צייטלינ'ס בלעטלעך“, „די תבה“, „דער סנה“, „מיין וואָרט“ וכדומה) אָבער איך האָב דאָס אַלע מאָל געמוזט אָבשטעלען ביים צווייטען צי דריטען ביכעל אוים מאַנגעל אין מיטלען און אוים סיסטעמאַטישען פערשווייגען אָט די ביכלעך מצד דער יודישער פּרעסע (אָט די אַלטע בעל־עבירה'ניצע ווייס ווען זי האָט צו שווייגען און פערשווייגען...). ווען איך גיב אָבער ארויס א 10-15 בראָשורען אזעלכע נאָכאַנאַנד און דערביי טאַקי מיט'ן גאַנצען קנאַק (אז „עוד לא כהתה עיני ולא נס ליחי“ און „עוד יוסף חי“ קענט איהר זיך אפילו איבערצייגען פון מיין יעצטיגען בריף) וועלען אַלע מוזען ריידען וועגען זיי און זיי וועלען מוזען האָבען די געהעריגע ווירקונג. איך ווייס גאַנץ גוט, אז ביי אייך אין לאָנדאָן זענען ניטאָ אזעלכע מענשען, וואָס זאָלען מיר אנטקעגען קומען, אזוי ווי זיי זענען ניטאָ אין ווארשא, דערפאַר שרייב איך דאָך אייך טאַקע — „אפשר וועט א נס געשעהן“.

און צוריק גערעדט, פאַר וואָס זאָל עס דאָך זיין אזוי אונמעגליך? איך וואָלט אָט די מלוים געגעבען א פאָרמעלע התחייבות (מען קען שאַפען אן אקציען־געזעלשאַפט צו 5 פונט אן אקציע, שטעלען א בעדייטענדען מענשען, לאָמיר זאָגען דעם ה' . . . אין דער שפּיץ) אונטערגשריבען פייערליך, שטענדיג די גרעסטע רבנים פון ווארשא אלס עדות, אז איך מוז זיי צושיקען א גענויעם חשבון פון יעדען איינציגען גראָשען, וואָס איך האָב אויסגעגעבען און וואָס איז צוריק אריינגעפלאָסען און אז איך טאָר קיין איין גראָשען ניט נעמען פאַר מיין ארבייט, אויסער נור, ווען איך וועל אין אָט די בראָשורען דרוקען א גרעסערע ליטעראַרישע אָבהאַנדלונג פאַר וועלכע איך וועל נעהמען פאַר זיך דעם מינימום פון דעם, וואָס עס נעהמט אנ'אונבעדייטענדער אָנפאַנגער.

איך האָב אמאָל דערהאַלטען פון . . . 10 פונט אויף ארויסצוגעבען



מיין „אלף“. איז אָבער יענער „אלף“ געווידמעט געווען בלויז מחשבה און בעלעטריסטיק און איז געבליבען ליגען עד היום כאבן שאין לו הופכים. איך גלויב אָבער, אז בראָשורען וועגען צייט־ענינים, וואָס וועלען רעדען דבורים ווי מיט'ן האַמער געהאַקט און מיט'ן אייזערנעם שער געברענט וועלען מוזען ארויסרופען גרוים אינטערעס און וועלען מוזען ווירקען, בפרט ווען זיי וועלען זיך ניט אָבשטעלען ביי די ערשטע 2-3 העפטלעך נור זיי וועלען געהן כסדר. מיין „תורה־ליכט“ ווערט ארויסגעגעבען דורך א פערלעגער און איך האָב איהם ביי מיר נישט. אין איהם איז ניטאָ אפילו קיין שמץ מן השמץ פון מאָדערניזם, פון אנעקדאָטען און פון גאַס, נור בלויז — תורה, טאַקי תורה ממש (פיעל זאַכען זענען מיינע אייגענע). ווען איך וועל דורכקומען מיט'ן פערלעגער וועל איך ביי איהם נעהמען א 30 חוברות און וועל אייך צושיקען. עס איז אן אויסגעצייכענטע זאַך — מען דאַרף אָבער דערויף זיין גאָר א בעזונדער מבין. איירער מיועד להיות חתן ה' ווארשאַווסקי זעה איך אָפּט. ער איז יעצט פערטראָגען מיט הכנות צו זיין רייזע קיין לאָנדאָן. מיין פרוי, מיין טאָכטער, מיין איידעם און מיין גאַנצע פאַמיליע גריסען אייך שטאַרק. איך ווינש אייך אַלדאָס גוטס און בעט אייך ניט אָבשרעקען פון די אַלע אייערע שונאים און טהון ווייטער אייער עבודת הקודש בשלימות וד' יהי' בעזרך ואל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך וצלח ורכב על דבר אמת כחפץ מוקירך ידידך

הלל צייטלין.

אליהו פאלושאק

## נאכאמאל י. ל. פרץ איבער די עכטע און פאלשע פאליאקן

„נישט איך האָב פוילן צוליב אינטריגן אין פאַמיליען געשעפטן געטיילט.... נישט איך האָב פאַר דער פוילישער קרוין פרעמדע קעפּ אראָפּגעבערענגט . . . נישט איך האָב געברענגט מאָדען און ציווילרעכט פון פאַריז. נישט איך — רעליגיע און יעזואיטן פון רוים, נישט איך האָב געוואָרט מיט דער באַפרייאונג פון פויער, ביז זי וועט קומען פון פעטערבורג . . . “

אָט דאָס זאָגט פרץ אין דעם אַרטיקעל „איך זאָג מיך אָפּ“, אין דער צייט ווען דער עקאָנאָמישער באָיקאָט קעגן יידן האָט געבליט אין גאַנצן לאַנד. פרץ זאָגט נישט: „מיר“, נאָר „איך“. ער, דער פאָלקס־טריבון מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ אידענטיפיצירט זיך, זיין אייגענעם יש מיטן גאַנצן יידישן פאָלק.

פוילן איז דעמאָלט געווען נישט מער ווי אַ טייל פון דער רוסישער צאַרישער אימפּעריע און האָט געקעמפט פאַר „סאַמאָ־אופּראַוואַ“, ד.ה. זעלבסטפאַרוואַלטונג. דמאָווסקי און גראַבסקי, די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן זענען געווען די רעדלפירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. די פּראָגרעסיווערע עלעמענטן פון דער דעמאָקראַטישער פוילישער געזעלשאַפט אַרום אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי און די נאָך לינקערע אַרום די פ.פּ.ס. זענען

מיט „סאַמאַ־אָבראַנע" אַליין נישט געווען צופֿרידן און האָבן שוין דעמאָלט געקעמפֿט אָפֿן און אונטערערדיש פֿאַר אַ פֿאָלקאָם פֿרייַ און אומאָפּהענגיק פּוילן.

די ייִדן האָט דמאָווסקי געוואָלט אויסשליסן פֿון אַלעם: פֿונעם עקאָנאָמישן לעבן און פֿון דער קומענדיקער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג.

פֿאַרוואָס? דאָס פֿאָטערלאַנד איז זיין, און דער ייִד טאָרף קיין חלק נישט האָבן אין זיין „אָיטשיזנאַ".

די פּאַראָלע איז געווען: „סוואָי דאָ סוואָעגאָ". יעדער זאָל זיך חברן מיט זיינס גלייכן. דאָס הייסט: איר אמתע עכטע פּאָליאַקן: קויפֿט נישט ביי ייִדן, האַנדעלט נישט מיט ייִדן, באָיקאָטירט זיי אַלעמען.

און פּרץ זאָגט סאַרקאַסטיש אין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל:

„דאָס פֿאָטערלאַנד איז נישט מיין!

„דאָס איז אַ ווירטשאַפֿט איבער הכנסות פֿון שטעט און שטעטלעך. טענהט שוין דער פּריץ: „כולו שלי" און ראַטעוועט זיין פֿאָטערלאַנד.

„אמת, די שטעט און שטעטלעך האָב איך כמעט אַליין געבויט, דרייפֿערטל הכנסות וועלן זיין פֿון מיין קעשענע; אָבער ווירטשאַפֿט—דאָס רירט שוין אָן מיט פֿאָטערלאַנד, און דאָס פֿאָטערלאַנד אַזוי ווי עס איז היינט האָט דער פּריץ באַשאַפֿן.

„איך האָב געבראַכט די מטבעה, איך האָב געגעבן די מלאכה, איך האָב איינגעפֿירט און פֿיר דעם האַנדעל, אָבער דאָס איז נישט מיין פֿאָטערלאַנד...

„מיין בלוט האָט זיך דאָ געגאָסן ווי וואַסער, אָבער ווו גיסט זיך נישט מיין בלוט? און צוליב וואָס האָט זיך עס מ'שטיינס געזאָגט געגאָסן? צוליב עפּעס אַ גאָט, אַ חלום, אַ פּזמון, אָבער נישט צוליב „פֿאָטערלאַנד" — אויף דעם האָט ריין־פּריציש בלוט גערונען... ווי קום איך צום פֿאָטערלאַנד?"

דאָ רעדט פּרץ נישט ווי אַ שרייבער אַ פֿאַנטאַסט. מיט זיין גאַנצער אויטאָריטעט און אַלס באַרופֿענער קענער פֿון דער ייִדישער פֿראַגע און דעם וואַקסעדיקן ייִדישן עלענד אין פּוילן קלאָגט פּרץ אָן די פֿאַרוואָרפֿענע אומערליכע הערשנדיקע קליקע. ער רייסט זיי אַראָפּ די ליגנערישע אוממאָראַלישע מאַסקע פֿון פּנים: דעם פּאָליטיש־רעכטלאָזן ייִד פֿון פּוילן וויל מען מיט מיטלען פֿון העצע און באָיקאָט אַוועקנעמען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע פֿון דער מענשליכער עקזיסטענץ — דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט.

און פּרץ זאָגט צום פּריץ:

„מיין איינציקע טרייסט איז, אַז אין דעם פּוילן, וואָס איז דיין, האָט אויסער מיר, וואָס אַרבעט און האַנדעלט אין שטאָט, אויך דער פּויער, וואָס אַקערט און זייט דאָס פֿעלד אין דאָרף, אויך קיין חלק נישט! וואָס אין דער קולטור, וואָס דו באַשאַפֿסט מיט פֿרעמדע וועלטאַנשויאונגען און געזעצן האָבן, אויסער מיר, קיין חלק נישט אויך די אַלע, וואָס פֿילן און דענקען מענטשלעך, נישט־פּריציש".

צום שלוס קומט אַ טרייסט און אַ שטילע וואָרנונג:

„איך ווייס אויך, אַז אין דעם פּוילן, וואָס וועט קומען, וועל איך יאָ אַ חלק האָבן. דער מענטשלעך־דענקנדער מענטש, דער פּויער און איך...



אָבער אויפֿן חשבון פֿון דעם, וואָס וועט זיין מאָרגן, קען מען היינט קיין ביין נישט אָפּלעקן..."

דער מענטשלעך־דענקנדער מענטש, דער פּויער און דער ייִד וועלן אין דעם קומענדיקן פּוילן, אינעם פּוילן פֿון מאָרגן יאָ האָבן אַ חלק. דאָס האָט פּרץ געוואָלט און געזען. אָבער אַטאָ דאָס וועט דאָך ערשט זיין מאָרגן, ווען דאָס היינטיקע פּוילישע פֿאָלק, וואָס לעבט פֿאַרשקלאַפֿט און אונטערדריקט, געקנעכט און דערנידעריקט, געטרעטן און באַליידיקט דורך די ווילדע נאַציאָנאַלע הערדן, וועט אַרויס נאָך דעם גרויסן אַקט פֿון באַפֿרייאונג. וואָס קומט און וועט קומען, געריניקט און געלייטערט פֿון אַלע פּסולת פֿון שנאה און פֿאַרפֿאָלגונג קעגן ייִדן אַלס פֿאָלק און אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט. ווען דער מענטשלעך־דענקנדער מענטש, דער געלייטערטער פּאָליאַק זאָל האָבן אַ גרויסע השפּעה אינעם קומענדיקן נייעם פּוילן, ווען איז עס צייט, אַז אַלע פּוילישע גרופּן און קרייזן, וואָס בילדן די אַזוי־גערופֿענע פּוילישע עפֿנטלעכע מיינונג מחוץ פּוילן: דאָ אין לאָנדאָן, וואַשינגטאָן, ניו־יאָרק און אַנד. זאָלן אָפּשטויסן פֿון זיך אָטאָ די אַלע עלעמענטן, וואָס דערמאָנען אונז אַזוי שטאַרק אָן די אַזוי־גערופֿענע גוטע צייטן, ווען דער שמוציקער גייסט פֿון דער „דוואַ־גראָשע" און אַנדזשעי ניעמאָיעווסקי און די זאַכאַדניקעס פֿון פּויזן האָט באַהערשט דאָס לאַנד פֿון עק צו עק.

פּרץ איז דאָך געשטאָרבן אינעם יאָר 1915. דריי און אַ האַלב יאָר שפּעטער איז אויף די חורבות פֿון דריי אַמאָל מעכטיקע אימפּעריעס און מיט דער הילף פֿון די אַליִירטע פֿעלקער אויפֿגעשטאַנען דאָס נייע פּוילן פֿון דעמאָלט: די רעפּובליק פּוילן. די „פּוילישע שכינה" (און דאָס איז אַן אידיאָם פֿון פּרץ'ן) און דאָס פּוילישע פֿאָלק זענען דאָך דעמאָלט באַפֿרייט געוואָרן פֿון גלות. ביי גוים און ייִדן האָט געהערשט אַ גרויסער יום־טוב. ס'טייטש! אַזאַ גרויסער היסטאָרישער מאָמענט! דעמאָלט האָט דאָך פּוילן יאָ געהאַט די געלעגנהייט צו פֿאַרווירקליכן די וויזיע פֿון אַ גרויסן בירגער, אַז אין קומענדיקן פּוילן זאָלן דער מענטשלעך־דענקנדער, דער פּויער און דער ייִד יאָ האָבן אַ חלק! מיר זענען ליידער געווען עדות פֿון גרויסע עוולות, אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונגען מצד דעם אָפֿיציעלן פּוילן בנוגע אונז, ווי אויך בנוגע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דאָס פּוילן, וואָס איז אין דער צייט פֿון אונטערדריקונג געוואָרן באַוויינט און באַזונגען פֿון די גרעסטע דיכטער אין די לעצטע 150 יאָר, האָט נאָך איר באַפֿרייונג ברוטאַל געטרעטן מיט די פֿיס די עלעמענטאַרסטע רעכטן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל און די ייִדישע רעכטן בפֿרט.

פּאָגראָמען, ווירטשאַפֿטלעכער דרוק, באָיקאָט־העצע, באַשרענקונגען, שחיטה־פֿערבאָט, באַזונדערע בענק פֿאַר ייִדישע סטודענטן, נאַרישע רייד וועגן די „איבעריק גרויסע צאָל" פֿון ייִדן אין פּוילן און נאָך אַנדערע מיאוסקייטן.

די „איבעריק־גרויסע צאָל" פֿון ייִדן אין פּוילן קלינגט היינט ווי בלוטיקסטע איראָניע פֿון גורל!

און דאָס אַלעס מוז ווערן דערמאָנט, ווייל דאָס פוילן פון מאָרגן פערלאַנגט דאָך שוין היינט רעכט און גאַראַנטיעס פון די גרויסע מלוכות, און רעכט קען נאָר פערלאַנגען דער וואָס ש אַ פ ט און ג י ט רעכט.

און פרץ זאָגט איבער די דאָזיגע פראַגע אין זיינע „געדאַנקען און אידעען": . . . איז עס נישט ענלעך צו דער לאָגיק פון ווילדן מענטש, וואָס גלויבט, אַז ווען ער גנבעט יענעמס ווייב איז גוט, און אז יענער גנבעט זיין ווייב איז שלעכט ? . . ."

און ווען מיר רעדן וועגן יידישע רעכט, מיינען מיר דיזעלביקע רעכט, וואָס די פּאָליאַקן פערלאַנגען פאַר זיך דאָרט, וו זיי לעבן אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. איז דאָס דער ענטפער פון דער פוילישער רעגירונג אין גלות, אָפּצוזאָגן דר. שערערס פאָדערונג—נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר יידן ?

די אמתע פּאָליאַקן האָרט אין פוילן זענען דאָך געוועזן עדות פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע. זיי האָבן האָך טאָג־טעגלעך צוגעזען דעם אָנהויב און די פאָרטזעצונג פון דער פאַרניכטונג פון אַ פאָלק. זיי זענען דאָך אויך געוועזן עדות פון דעם העלדנהאַפטיקן ווידערשטאַנד פון זייערע יידישע מיטבירגער.

מיר ווייסן, אַז אויך זיי, די אמתע פּאָליאַקן, האָבן געליטן און ליידן כסדר פון זעלביקן שונא.

„אייערע מיטהעלפער ווילן מיר זיין; מער ווי פריינט. אונז ביידע האָט
איין מזל צו איין טאַטשקע צוגעשמידט. זאָלן מיר זי צוזאַמען פירן . . .
„צרות בינדן ענג צוזאַמען", זאָגט אַרזשעשקאָוואַס מענדעל דאַנציקער,
און זאָגט אמת . . . „אויך דאָס דערמאָנט פרץ אין זיינע „געדאַנקען און אידעען".
„צרות בינדן ענג צוזאַמען !" און „אין דעם פוילן", וואָס וועט קומען, וועל
איך יאָ אַ חלק האָבן: דער דענקענדער מענטש, דער פויער, און איך . . ."
„איך" — מיינט „מיר" — דאָס רעשטל יידן . . .
און איצטער ? . . . דאָס נייע פרייע פוילן האָט דאָס וואָרט.

י. ביעטש

# י. ל. פּרץ

(צום ניין און צוואַנציקסטן יאָרצייט)

א שטיקל אָפּפרישונג פאַר „פריינט פון יידיש־לשון" פון איינעם פון אונז.

י. ל. פרץ איז דער ריז אין דעם יידיש ליטעראַרישן קולטור אוצר. זיין צוגאַנג צום יידישן לעבנסשטייגער און יידישן מענטש, איז ניט בלויז ווי א רעאַליסטישער באָאַבאַכטער, וואָס ס׳אינטערעסירן אים די אויסערליכע דעטיילן, ער שטעלט זיך אויף זיי אָפּ נאָר אויף אזוי פיל, כדי בעסער צו קענען זען די אינעווייניקסטע געפילן, די רוחניות וואָס האָט אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק, זיין שטאַרקע ליבע פאַרן יידישן מענטש, און די געשיכטע פונם פאָלק, זיינע מדות פון עניוות, פון רחמנות, פון יושר, האָט דער דיכטער אין זיינע



ווערק פאַראייביקט. עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס באַלד נאָך די פטירה פון י. ל. פרץ איז אָנגעגאַנגען א דעבאַטע אין די ליטעראַרישע קרייזן ווער וועט ראוי זיין צו זיצן אויף דעם שטול פון דעם גרויסן גאון, וואָס האָט אזוי מייסטערהאַפט פאַרקערפּערט די פאָלקסטימליכקייט אין קונסט פאָרמען.

י. ל. פרץ, דער ערשטער יידישער דיכטער מיט מאָדערנע אידעען, א דאַנק וועם די יידישע פּאָעזיע איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגאַנגען פון די ענגע יידישע גאַס, מיט אירע טראַדיציאָנעלע און אָפּגעזונדערטע קולטור.

פרץ האָט נישט געשריבן קיין לאַנגע ראָמאַנען, פאַרוויקלטע סיטואַציעס. זיינע זאַכן באַשטייען פון לענגערע און קורצע דערציילונגען, א חסידיש מעשהלע, א געדיכט, אַלעגאָריעס. אַלץ וואָס דער דיכטער האָט דערבליקט אין די פאָלקס־געשיכטע איז באַשטראַלט מיט יידישן נשמה־חן, וואָס פאַרמאָגט קאָלאָסאַלע אוצרות און וווּנדערבאַרע קוואַלן, און נאָר אזא דיכטער ווי פרץ איז געווען מסוגל די יידישע נשמה אין לעגענדאַרישע בילדער צו פאַרקערפּערן.

מענדעלע מוכר־ספרים באַלאַנגט צו דער ליטעראַטור פון דער השכלה צייט. זיינע רעאַליסטישע ווערק טראָגן נאָך אַלץ דעם חותם פון מוסר זאָגן. אמת, דער זיידע האָט עס געטון טיפער און ערנסטער פון די אַנדערע שרייבער פון זיין צייט. דאָך זיצט זיך דער זיידע אויף זיין ביידל און פילאָזאָפירט, לאַכט, זאָגט מוסר, משלים און רמזים.

י. ל. פרץ קען לאַכן, זאָגן משלים, אזוי גוט ווי די אַנדערע. ער האָט זיך אָבער ביי דעם נישט אָפּגעשטעלט, דער דיכטער איז געגאַנגען קיין טונעיאַדעווקע, קיין גלופּסק, אָבער מיט אַן אַנדערן ציל, נישט צו מעסטן די בלאָטע, פרץ האָט געזוכט די נשמה פון פאָלק, וואָס איז צעוואָרפן אין די אַלע בלאָטעס, און וואָס פאַר א שיינע פערל ער האָט אַרויסגעברענגט, ממש קינסטלערישע צאַצקעס.

דער איינדרוק וואָס מען באַקומט לייענענדיק יעדעם געשיכטעלע, וואָס איז אַרויס פון דעם דיכטערס פעדער, איז ממש נתפעל צו ווערן פון דער קינסטלערישער גרויסקייט. אין זיינע ווערק באַטאָנט דער דיכטער שטאַרק דעם סאָציאַל עטישן שטאַנדפונקט, און וויקלט פאַר אונז אויף בילדער פון דעם אָרומיקן אָרימען יידישן לעבן. ביי אים זיינען אַלע יידן גלייך, כל ישראל בני מלכים הם, ער קען דאָס גאַנצע פאָלק, און זיין סימפּאַטיע איז מיט דעם אָרימען. די אַלע שלעק און צרות קומט פון דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק איז אין גאַנצן פאַראָרימט. בכן דער רב, דער מלמד, וואַסער־טרעגער, שוסטער, קירזשנער און דער שמש, אַלע גלייכע פאַראָרימטע יידן. און אַלע גוטע מדות ווערן געשטערט פון דעם דלות. פרץ פאַרענדיגט אין זיינעם אַן אַרטיקל „בילדונג" מיט די ווערטער: „דער עיקר דאַרף מען זען ווי ווייט מעגליך דאָס פאָלק זאָל האָבן פרנסה". דערפאַר מסתם האָבן ס׳רוב זאַכן זיינע א סאָציאַלן סכסוך. למשל ווייזט אונז פרץ „צוויי ברידער". זיי האָבן געלעבט גליקליך און אַלץ איז געווען בשותפות. איינמאָל באַווייזט זיך א גאַסט. דאָס איז געווען די לע־

גענדאַרע שלאַנג, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש, און זי רעדט אָן איין ברודער צו עקספּלואַטירן דעם אַנדערן, כדי צו ווערן רייך. דערמיט ווערט א סוף צו זייער גליקליך לעבן. דער שרייט: עס איז מיין עשירות, מיין רייכטום, און דער אַנדערער ברודער: ס'איז טרערן, מיין שווייס און בלוט.

אין יוחנן מלמד'ס מעשהלע: איינמאָל אין א יומא דפגרא האָט זיין תלמיד יצחק'ל געבעטן אז ר' יוחנן זאָל גיין אָנקוקן זיין פאָטער'ס פאַבריק. ממש נסים ונפלאות, מען האַלט שוין ביים איינשפּאַנען די ווינטן צו טון דעם רצון פונם מענטש. מילא וואָס ר' יוחנן האָט געזען, דאָס מוז מען באַזונדער לייענען. כאַראַקטעריסטיש איז אַז ווען ר' יוחנן איילט צוריק דאַרפן זיי אייניקוויין דורכגיין א שמאָלן פּאָדערצימער. נאָך וואָס איז דאָ אזוי ענג, פרעגט יוחנן מלמד. דאָ רעווידירט מען, ערקלערט אים זיין תלמיד, וואָס מען גנב'עט פון פאַבריק. גנבים זיינען זיי נישט אַלע, חס ושלום, נאָר אויף א טייל פאַלט א חשד, און כדי שלא לבייש, ווערן אפילו די מייסטערס רעווידירט. אזוי שטעלט פּרץ אַוועק דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם, אַז צוליב דעם גייעג נאָך גאָלד און באַזיץ איז כדי שלא לבייש צו מאַכן אַלע פאַר גנבים.

י. ל. פּרץ וויקלט פונאַנדער א רייע בילדער, וווּנדערלעך געמאָלן, ווי דער משולח, וואָס איז שטאָלץ דערמיט וואָס מען געטרויט אים אזוי פיל פרעמד געלד, און געפינענדיק אים א געפּרווירענעם אויפן וועג, האַלט ער שטאַרק צו מיט זיין האַנט די בוזים קעשענע. ער פירט אונז דורך די יידישע שטעטלעך און ווייזט אונז שטיקער יידיש לעבן, פון שלום בית דוקא ביי פּראָסטע טרעגער, פון גליק אין קעלער־שטובן, באָנצי שווייג, פונם בריסקער רב, א.אז.וו. פון רב אלי' וואָס וואָלט אודאי אָן עושר געוואָרן ווען ער וואָלט שכל געהאַט און זיך איינגעשפּאַרט ביים רבין פאַר סנדקאות, דער יאַרציוועער רב וואָס איז צופרידן וואָס אינם שטעטל קוילערט מען נאָר איין מאָל אין דער וואָך, כדי די רביצין האָט נישט וועמען מקנא צו זיין. און נאָך א גאַנצע גאַלעריע פון בילדער, וואָס איז ווי א פרעכטיקער גאָרטן באַשטראַלט מיט זוניקייט און לעבעדיקע בלומען, באַהויכט מיט לעבנס טוי פונם פאָלקס גייסט, ארויסגעשפּראָצט פונם דיכטערס אייגענע פאַנטאַזיע, און אַלץ מיט א סאָציאַלן הינטערגרונד.

עס ווערט דערציילט אַז דער יונגער פּרץ האָט געהאַט א נטיה צו זיין מיט זיך אַליין, און ער פלעגט אַלע מאָל נעלם ווערן אין א דערבייאיקן וועלדל, זיך צו באַהעפטן מיט דעם ארום פאַר גאָלע רוחניות. דאָס האָט אודאי אים געפירט צו דעם חסידיזם (אָדער חסידישע רענעסאַנס) און גראָדע אין דער צייט ווען חסידיזם איז געוואָרן אויסגעלאַכט, און די השכלה באַוועגונג האָט געמאַכט אַש און בלאָטע פונם רבין און זיינע חסידים, האָט פּרץ דערזען די שיינקייט, דאָס פאַרברידערליכקייט, דעם אחדות געפיל, וואָס דער רבי איז משפיע אויף אנשי שלומינו, און דורך דעם האָט מענדל דלות געקריגן אַלץ וואָס ער דאַרף פאַר הכנסת־כלה, און פונם רבינס „לולקע־ציבעק", זאָל חיים ברוך'ס ווייב האָבן א שיין געוועלב מיט הייוון און אַנדערע סחורות, און



חסידים זאָלן נישט הייבן דעם פּרייז און אויסדינגען די אָרענדע. ביי זיין גאַנצע מיסטישע פּערטיפּטקייט פאַרלירט ער דאָך גאָרנישט דעם סאָציאַלן אונטערגרונד פון יידישן לעבן.

פּרץ'ס איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור איז נישט אָפּצומעסטן. אים געהער דער פאַרדינסט וואָס די יידישע ליטעראַטור איז אַרויס אויף א גרויסן נשמהדיקן און דאָך רעאַלן ברייטן שליאַך.

די שטול איז נאָך אַלץ ליידיק, ווער איז ראוי צו פאַרנעמען דאָס אָרט ? !

י. ח. קלינגער

## א בריוו צום העפטל

ב"ה. זונטיק, דעם 2־טן אַפּריל, 1944.

ליבער שטענצל,

אָט איז א בקצורדיק הומאָרעסקעלע, אייך געווידמעט. זייט נישט ברוגז פאַר דער כאַאָטישקייט אינעם שרייבן. איך האָב באמת נישט געהאַט די אַלע באַקוועמלעכקייטן וועלכע מען ברויכט ביים אוועקזעצן זיך שרייבן.

זייט געטריי דער אָרטאָגראַפיע און לשון פון מיינע העלדן.

מיט פסחדיקע גריסן, אייער—

י. ח. קלינגער.

## פסחדיקע קניידלעך

„היס מאַדזשעסטי"... שטענצל

...„הכל יודעין כלה למה נכנסה לחופה...." — (אַלע וויסן דאָך נאָך וואָס מען ברויך א מלכה צום סדר...) און אזוי ווייטער. טאָ ווערט דאָך אייך „פריינט פון יידיש לשון" נישט זיין קיין חידוש פאַרוואָס דער לאָנדאָנער ליטעראַטן, און זשורנאַליסטן פאַרבאַנד, צובאַנד און באַנדאַזש האָט נישט צו מיר קיין פאַריבל וואָס איך האָב זיך אָפּגעטראָגן פון ווייטשעפּל, געלאָזט דעם „בית־עם" מיט א רייכן פּראָגראַם אין א פּאָזע ווי ס'בלייבט נעביך א כלה ווען דער חתן פאַרשווינדט פון אונטער דער חופה... נו, נו...

איז בין איך מיר א זעלנער ב"ה מיטן גאַנצן קנאַק. עס דויערט נישט קיין פיער סעקונדן און מיין האַנט־גראַנאַט רייסט אויף און א פייפערייַ מיט א דונערן גליטשט זיך אויף די לופט כוואַליעס און א סברה אַז מען איז מיך שוין מיט דעם דערפאָלג אויך מקנא.

נאָר נישט דאָס בין איך אויסן: איך בין אין אָן אוונט אהיימגעקומען

* די „קניידלעך" זיינען שוין גלאַט־כשרע קניידלעך, ווייל זיי זיינען אָנגעקומען אין דער לעצטער רגע, גלייך אין טאָפּ אַריין. זיי זיינען פונם שרייבער און רעדאַקטאָר פון דער „יידישער טריבונע", לייטער פון „פאָלקס־הויז" ביים יידישן טעאַטער אין אָדלער סטריט, וועלכער געפינט זיך איצט אין דער ענגלישער אַרמיי, צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן אַקטיאָר פונם פאָלקס־טעאַטער „גרענד־פּאַליי" יידל גאָלדבערג.

פון א נאכט־איבונג און הגם א מידער האָב איך „היס־מאַדזשעסטיס" ברענגאַן גענומען האַלזן און באַשמירן אַלע זיינע חלילים און נקבים מיט אייל כמעט מיט שמן־זית, אַזוי אַז איך זאָל קענען אינדערפרי אָוועקגנבענען א פערטל־שעה ביי מיין איירישן קאָפּאָראַל און כאַפּן אַן הוספהדיקן דרימל.

פאַרדריסט עס די פמליא של מעלה און מען שיקט מיר אונטער דעם בעל החלומות: איך זע זיין מאַיעסטעט מיט בענדעלעך און מעראַליאַנטשיקעס און שטרייפעלעך, מיט איין וואָרט „היס מאַדזשעסטי" בכבודו ובעצמו! איך גיב א קלאַפּ צענויף מיינע געקאָוועטע שיך אַזש ס'נעמט ציטערן מיין האָל־צערן באַראַקל און דער דאַך האָט זיך צוויי מאָל אַרומגעדרייט אַרום אייגענעם קוימען. פאַרלייג מיט א שטאָלערנעם בייג מיין רעכטע האַנט צום לינקן דאַשעק און אַן אומגליק! איך בייט גיך איבער מיינע שפּאַקולן ד.ה. איך נעם אַרויס די נייע וויים־שטאָלערנע שפּאַקולן וואָס דער מיליטער־דאָקטאָר האָט אויפן סמך פון דער אַרמיים שלחן ערוך מיר געמאַכט א בחנם'דיקע מתנה. און טרעפט פאַר וועמען איך סאַלוטיר? נישט פאַר קיין אַנדערן ווי פאַר שטענצלען! און אַז שטענצל גייט אינעם מונדיר פון זיין מאַיעסטעט נעמט ער אָן א באַפעלערישן טאָן און זאָגט צו מיר אַזוי:

„פּריוועט קלינגער, נומער דער און דער, אייגענטימער פון א גאַז־מאַסקע, א ביקס און א שטומפּיקן שפּיז! שיק מיר גלייך צו עפּעס פאַר מיין העפּטל לכבוד פסח! און ווי איך וויל אים ענטפערן און אָנרופן אים מיטן גרויסן טיטל טוט ער מיר גלייך אָפּ אַן אַנדער שפּיצל און שוין איז ער גאָר אָנגעטאָן אין די הויזן פון מיין „סערדזשאַן־מעידזשאָר" און פון מיין מויל רערטראָגט זיך דער ענטפער צו מיינע אויערן: „יעס סער!"

* * *

## „צוויי טויזנט יאָר אין דעפענסיווע . . ."

איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף. אין באַראַק איז פינסטער. חברה זעלנער שנאַרכן און פאַ . . . פן אַז סע גייט א רויך . . .

„ששש! שאַ שטיל דאָס בין עך—הער איך ווי עמיצער זאָגט מיר אויפן אויער.—דאָס בין עך שטראַמער, א כאָליערי אויף זיי דאָרט, עך קען נישט אַנשלאָפן בין עך געקומען זען צו איר שלאָפט, שוין צוויי וואַזייגער! און איר זענט דאָך א שרייבער, זאָגט זשע מיר וואָס ווילן זיי פון מיר?"

— חברל, גייט, איך בעט אייך, שלאָפן און אינדערפרי וועל איך אייך פאַרענטפערן אַלע קשיות אייערע.

האָב איך זיך ביי אים קוים איינגעבעטן און ער האָט מיר צוליב געטון.

* * *

פונקט זיבן אַזייגער אינדערפרי. די „גערל" פון איי־טי־עס בלע"ז, ברענגט צו די ערשטע וויאַדרע טיי און איך באַוויז נאָך נישט צו מאַכן א



שהכל ווי א לאַנגע, דאַרביינערדיקע האַנט גיט מיך א צי ביים אַקסל: „נו, אדרבה, זאָגט וואָס ווילן זיי פון מיר?"

איך הייב אויף מיינע אויגן און דערזע פאַר מיר א הויכן, מאָגערן בלאָנדן בחור. די אויגן אַרום רויט פון נישט שלאָפן און איך באַוויז נאָך נישט אים צו ענטפערן ווי ער נעמט מיט היץ און פיבער שרייען: „זאָלן זיי מיך שיקן זיבן מאָל צום פסיכיאַטער! זאָלן זיי מיך איינשפּאַרן אין א משוגעים־הויז אפילו, עך וועל נישט בלייבן דאָ! א רוח אים אין זיין קאָפּ אַריין, דעם סערדזשאַן מעידזשאָר! אַזאַ כאַמולע! ווי אַזוי נעט מען אים צו פאַרשטיין אַז מיר יידן האָבן שוין פון לאַנג אָן אויפגעגעבן דעם קאַמף; אַז מיר יידן זיינען איבער צוויי טויזנט יאָר אין דעפענסיווע! איז וואָס זשע מיינט ער אַז עך וועל היינט ביי מיינע 37 יאָר ווערן א שיסער און איבערגיין צו א נייער אָפענסיווע! עך גיי מעך מעלדן „סעק"!"

איבעריק אייך צו זאָגן אַז דאָס האָט פּריוועט שטראַמער אָוועקגעלייגט די דרשה פאַר מיר. אָבער עלף אַזייגער אין זעלביקן פאַרמיטוק האָט דער איי־רישער קאָפּראַל פאַרצייכנט אויפן חשבון פון מיין רויט־אויגיקן קאַמראַד אַז אין שיסן איז ער „אָ־קעי"!

* * *

## דער קעניג פון לאַמפּעדוסאַ איז נישט צופרידן . . .

בין איך מיר, א צופרידענער פון מיין חברלס דערפאָלג, געגאַנגען מיט שיסל־מעסער־לעפל־גאָפּל אונטערן אָרעם, עסן מיטיק. פונוויטנס פיל איך די געמישטע ריחות פון קאַרטאָפל, קעביטש, בייקן און מעל שפּייז. אָבער נאָך איידער איך שטעל א פוס אויפן שוועל מען ציט מיך שוין ווידער ביים אַקסל. דאָס מאָל איז מיר א וואַרימער שטראַל אַדורך זיבן מאָל אין א סעקונדע אי־בערן גאַנצן לייב. געפילט באַלד אַז עפּעס א דעליקאַטע הענטל ליגט אויף מיין נישט צעוואַקסענעם אַקסל. איך גיב זיך א דריי אוים מעשה זעלנער „אַבאוט טאַרן"! און א ווייטיק איז צו מיינע שונאים! עס שטייט פאַר מיר מאיר צעלניקערס „קינג אָף לאַמפּעזאָדיק" אָנגעטון אין א נישט אויף אים געפּאַסטן באַטל־דרעס" מיט קנעפּלעך, מיט ביליקע „יוטיליטי" קנעפּלעך וואָס גיבן פון זיך קיין שום גלאַנץ נישט. אונטער די אויגן זיינע שוואַרצע רייפן פון נישט דערשלאָפענע נעכט. די לינקע האַנט האַלט ער ביים בויך און נאָך איידער איך ענטפער אים . . . „עליכם שלום" נעמט ער טענהן צו מיר:

„ . . . מיינט נישט אַז דאָס זע איך אַזוי שלעכט אוים ווייל דער זעלנע־רישער פּריטש דריקט מיר אָפּ די זייטן און ווייל מיין מאָגן דרייט מיר די געדערים באַשר ער פירט מלחמה.מיט א האַרט שטיקל חזיר־פליייש וואָס איך האָב אין אים אַריינגעוואַלעט נעכטן אין אָוונט. ניין נישט דערפאַר! נאָר עס בענקט זיך שטאַרק נאָך מיין ווייב און קינד און די צווייטע סיבה — איי וואָס וועל איך רעדן! פאָרט אין לאָנדאָן און זעט ווי אַזוי דער „ווילנער

סטאר" ליגט אוועק א „קעניג פון לאמפעדוסע" וועט איר ס'נישט איבערהאלטן. איך וואלט גראד יא געקענט זיין א גוטער „סאלדזשער", נאר מען מוז זיין אוים אייזן נישט צו רעאגירן ווען מען ווייסט ווי אזוי, דורך מיין אוועקפארן, די יידישע טעאטער־קונסט ווערט פאגראמירט און מען קאן זיך נישט העלפן" . . .

מיט גרוים צער און רחמנות האבן מיינע בליקן צוגעפירט דעם „קינג אף לאמפע" צו זיין באראקל און אים געעצהט גיין צום שניידער צופאסן זיך א „באטל־דרעס".

* * *

## בלילה ההוא נדדה . . .

נאכ'ן אדורכמאכן אזא טאג האט מיין געביין נישט געקענט לאנג, לאנג איינשלאפן ווען נישט די פילן פון מיין דאקטאר, וואס האבן מיט זיין כישוף געברייינגט צופירן זיין מאיעסטעט . . . שטענצל! דאס מאל אין קליידער פון אן ארמיראל. אויף זיין האלז האבן געהאנגען „שיר המעלותן" מיט א שיין גאלדן קעצעלע, א מתנה פונעם דיכטער פון „קאמעא קארנער", מוזעאום סטריט, לאנדאן. אויף זיינע ליפן, אויף—שטענצלס ליפן איז געווען צעגאסן א שמייכל, און איך בין זיכער, אז ער וואלט מיר געוועו געזאגט: „א קיי פרייוועט קל . . ."

ווען נישט די סירענע וואס האט אים פון מיין חלום פערטריבן . . .

יוסף הלל לעווי

## וואס קענען מיר יידן געווינען אין דער איצטיקער מלחמה ?

(אַ האַרציקע מתנה מיין געשעצטן און ליבן פריינט משה עובד)

1.

די סטאטיסטיק האט שוין לאנג באוויזן, אז יעדע קריגפירענדע אומה, ווען זי געווינט אפילו א מלחמה—פארלירט זי תמיד מער ווי זי קען באמת געווינען . . . דאס איז געזאגט געווארן ביי נארמאלע פעלקער וואס זענען פארבונדן מיט זייער ערד, אינדוסטרי און געזונטן מסחר. מכל שכן נאך מיר יידן וואס זענען ביז אצינד תמיד נאר געוועז אין יעדן לאנד דער שעיר לעזאזל, איז די רעגירונג געוועזן א גוטע האט זי אונדז באשיצט, איז זי אבער א שלעכטע געוועזן האט זי אונדז באראבט און פאגראמירט. ווארים דאס פאלק איז כמעט תמיד אזוי געוועזן ווי די רעגירונג האט געוואלט, און עס געמאכט וועלן . . .

אמאל האט מען אונדז פארפאלגט ווייל איין ייד האט קריסטוסן פאראטן, דערפאר פאראטן תמיד אלע קריסטן די יידן . . . דערנאך מחמת מיר האבן די פעלקער פארארעמט און זיך באנרייכערט. צום סוף האט זיך ערשט דער אמת ארויסגעשיילט. מ'האט קריסטוסן גופא צום טייפל געשיקט און זיך צו אונדז גענומען—ווייל מיר האבן אים און אנדערע רעוואלוציאנערן אויף דער וועלט געבראכט . . .



די מאכט וועלכע האט געוואלט דעם אמת שיצן, איז אליין דאס רעכט געווארן; דערפאר זענען מיר איבעראל די שוואכסטע און די אומגערעכטסטע. עס האט ניט געהאלפן קיין שמד, קיין אסימילאציע, קיין סאציאליזם. אין די יארן פון 1933־39 ווען די פארניכטונג און די פארשקלאפונג האט אנגעהויבן אויסצוציען אירע בלוטיק פינסטערע לאפעס אויפן גאנצן יידישן פאלק האבן פוילן, אונגארן און רומעניען קאנקורירט אין אנטיסעמיטיזם מיט דייטשלאנד. מען טאר אויך ניט פארגעסן אז בעת דייטשלאנד האט שוין אנגעהויבן צו רעאליזירן איר אויסראטונגס פאליטיק, האבן אלע נאציעס נאך פעסטער גענומען זייערע גרעניצן באוואכן. און ווען אין דייטשלאנד האט זיך די וואקכאנאליע שוין געהאט צעשפילט אויפן שוידערלעכסטן אופן; מען האט אנגעהויבן מיט גאזקאמערן, דערשיסונגען און מאסן־אויסהונגערונגען צו לעזן די יידן־פראגע איז מען אונדז אפגעקומען מיט קאנפערענצן ווי „עוויאנס און בערמודי. אבער ווען ס'איז געקומען רוים צו באמבארדירן זענען תיכף ומיד אין ענגלישן פארלאמענט העפטיקע וכוחים פארגעקומען: „אז מ'זאל למען השם שאנעווען די היסטארישע קונסט־געביידעס און די קריסטלעכע ציוויליזאציע".

די לעצטע רעדעס פון רוזוועלט, טשארטשיל און ווילקי וועלכע גילטן: „אז פונקט אזוי ווי ס'קענען זיין פאראייניקט פארשידענע נאציעס, מיט פארשידענע רעליגיעס, וועלן זיך אויך קענען פאריייניקן נאציעס מיט פארשידענע ווירטשאפטלעכע סיסטעמען . . ." אט די דאזיקע ווערטער זאגן שוין גענוג.—דאס מיינט מען קען מיט סאוויעט־רוסלאנד אויך זיך פארטראגן, און דאס אלטע רעדל פארט ווייטער דרייענדיק . . .

וואס האבן מיר יידן באמת צו ערווארטן ווען די שלאכטן וועלן שוין זיין אויסגעפאכטן און פארענדיקט? ווער וועט זיך דאס וועלן פארנעמען מיט די ספעציפישע יידישע צרות, פיין און הילפלאזיקייט, וואס וועט זיכער אין אלע לענדער נישט אויספעלן? . . . .

מיר יידן וואס זיינען איבעראל א מיעוט, וועלן עס אויף ווייטער פארבלייבן און געניסן אלע באשרענקונגען פון א מינאריטעט—אבער זיכער ניט די רעכטן . . .

צי קענען אפילו 5 מיליאן באוואפנטע יידן אין פאלעסטינא פארזיכערן דעם יידישן קיום?—ניין. מחמת די לעצטע אייראפעאישע טראגעדיע האט אונדז דאס בולט באוויזן, ווי קליינע פעלקער זענען פארשלונגען און פארציקט געווארן. היינט ווי אזוי זאל פאלעסטינא אונדז יידן קענען באשיצן?

צי וואלט ניט פיל וויכטיקער געוועזן צו פאדערן ביי א פרידנס־קאנפערענץ אן אינטערנאציאנאלע גאראנטיע פאר אלע יידן פון דער גארער וועלט. וואס קיין שום רעגירונגס־וועקסעל זאל זי ניט קענען פארענדערן, סיידן דער גאנצער רעכט־קאדעקס וועט אומגעענדערט ווערן אין א וועלכן ניט איז לאנד, ווי דער גאצענר טומל און פארצווייפלטער קאמף ארום פאלעסטינע . . .

2.

שלאָגט מען זיך אין דער איצטיקער מלחמה פֿאַר סאָציאַלער פֿרייקייט? צי איז דאָס אַ מלחמה אַז עס זאָלן מער קיין מלחמות נישט קענען פֿאָרקומען? די פֿריער געבראַכטע ציטאַטן פֿון רוזוועלט־טשאָרטשיל און די לעצטע תּביעות פֿון פֿערשידענע לענדער מוזן אונדז ליידער פֿירן צו ספֿיקות . . .

וועט עס נאָך דער מלחמה בעסער ווערן? צי וועט מען ניט באַלד ווידער פֿאַרזייען דעם זוימען פֿאַר אַ נייעם קריג און זיך גלייכצייטיק אויך מכין זיין צו אים ווי מען האָט זיך נוהג געווען נאָכן ערשטן . . .

מען האָט דאָך דעמאָלט אויך אַזוי פֿלאַמענדיק אונטער !לע נאַציעס פּראָקלאַמירט: „קיינמאָל קיין קריג ניט מער!“ און וואָס איז געוואָרן פֿון אַלע לאָזונגען, הבטחות און גרויסע פֿרייהייטס־אידעאַלן? . . .

דאָס וויל אָבער לחלוטין ניט הייסן אָפּצוזאָגן זיך אין דעם קריג מיטצוקעמפֿן. דער קריג מוז אויסגעפֿאָכטן ווערן; עס וועט שוין אַ גרויסער נצחון זיין אַפֿילו דעם פֿריערדיקן מצב צו דערגרייכן, מחמת היטלעריזם מיינט כאַאָס, רויב, מאָרד און אונטערגאַנג פֿון ייִד און דערנאָך פֿון מענטש, פֿאַרניכטונג פֿון דער גאַנצער ציוויליזאַציע. אונדזערע ספֿקות און מורא זענען נאָר דערפֿאַר מחמת מיר זענען שוין אַזוי שווער געפּרוּווט און ענטוישט געוואָרן . . .

איז עס דען בכלל מעגלעך די מענטשלעכע געוווינהייטן, אָנשויאונגען און דעם גלויבן מיט געוואַלט צו ענדערן? ניין, מחמת מ׳קען נאָר דעם גוף מיט געוואַלט בעצווינגען אָבער קיינמאָל ניט דעם גייסט . . .

ווען מען באַטראַכט וויפֿיל ימים בלוט און טרערן, נויט, פֿאַרצווייפֿלונג און פּיין די אומריינע און געפֿעלשטע רעוואָלוציעס האָבן דער מענטשהייט שוין גורם געווען, און ווי ווייניק אמתדיקן פּראָגרעס זיי האָבן פֿאַר איר געבראַכט מוז מען זיך מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכט באַציִען צו זיי . . . עס איז קלאָר אַז דערמיט מיין איך ניט די ספּאָנטאַנע פֿאָלקסדערהויבונגען וועלכע ברעכן אויס מיט אַזעלכע עלעמענטאַרע כּוחות ווי אַ געוויטער, אַ פֿערפּלייצונג, אָדער אַן ערדציטערניש. און אַפֿילו די דאָזיקע מוזן אויך תּמיד געצוימט און רעגולירט ווערן, אַז ניט ווערט אַלעס מיט זיי פֿאַרניכטעט . . . ווען מיר ריידן וועגן רעוואָלוציע ווערט אומווילקירלעך ווידער וואַך אין דער טיף פֿון אונדזער מענטשליך בעוווּסטזיין די הייליקע שטים פֿון דעם אַזוי טראַגיש־אומגעקומענעם אַנאַרכאָ־קאָמוניסט—דעם גרויסן שומר פֿון דער רעוואָלוציע, גוסטאַוו לאַנדאַוער — וואָס האָט זיך דערהויבן מיט זיין טיפֿן עפּאָס אין זיין אומשטערבלעכן ווערק „דער אויפֿרוף צום סאָציאַליזם“.

יאָ, די מענטשן האָבן פֿערלוירן די אַכטונג צום בלוט, און זיך כּלומרשט געשאַפֿן אידייען און אידעאַלן מיט פֿאַרשידענע פֿאַרטייען צו פֿאַרבעסערן דעם מענטשנס לעבן, נאָר פֿאַרבעסערט האָבן זיי דאָס לעבן נישט, נאָר עס תּמיד אויפֿגעאָפּפֿערט, יעדעסמאָל פֿאַר אַ נייעם מולך . . . ביז דאָס גרעסטע מענטשנגליק—דעם מענטשנסלעבן איז געוואָרן אַ נעבנזאַך, און דער עיקר איז געבליבן די פֿאַרהייליקונג פֿונם קריג, דאָס בלוט פֿאַרגיסן . . . מחמת ניט אַלע



פֿרייהייטס־אידייען זענען געווען דעם מענטשן מסוגל צו דערהייבן, אַז ער זאָל זיך לערנען שוינען און אַכטן דאָס מענטשלעכע בלוט,—נאָר דעם מענטשן דערנידריקט ביי יעדער געלעגנהייט, פֿאַר פֿאַרשידענע „איזמען“ און פֿאַרשידענע מאַסקעס פֿון פֿאַרגיסן דאָס מענטשלעכע בלוט.

דער מענטש ווייזט אויס האָט פֿערלוירן דעם זין פֿון לעבן; געוואָרן גאָטלאָז. דער מאַטעריאַליזם פֿון בלוט האָט איינגעשלונגען זיין גייסט . . . . זוכנדיק און קעמפֿנדיק פֿאַר בעסערע און שענערע אופֿנים אין לעבן האָט מען פֿערלוירן דאָס לעבן גופֿא און געבליבן נאָר ביים אייביקן זוכן און קעמפֿן . . . פּונקט אַזוי ווי עס איז ווערטלאָז אין אונדזערע אויגן גייסט אָן בלוט, איז ווערטלאָז אין גאָטס אויגן בלוט אָן גייסט . . .

דאָס שטילע, אומענדלעכע וואָרט גאָט,—וואָס זוכט און בענקט אייביק נאָך פֿאָרם און געשטאַלט, רעדט צו אונדז שוין דורך אַלע צייטן אַזוי מענטשלעך טיף, אַז מיר דערפֿילן זיך פּשוט ווי געטער זינט בראשית אָן . . . „אויב דו, מענטשלעכער גייסט וואָס דיין געהירן־אַפּאַראַט באַשטייט נאָר אויס קליינע קוואַנטיטעטן פֿון פֿערשידענע שטאָפֿן וועלכע זענען פֿאַראַן אין דער נאַטור: קענסט דענקן, פֿילן און אורטיילן, פֿאַר וואָס זאָל די נאַטור גופֿא, וואָס באַזיצט די אַלע שטאָפֿן נאָר אין טויזנט פֿאַכיקע גרעסערע מאָסן ווי דו דאָס ניט זיין פֿעאיק . . . ווי קענסטו פֿאַרגענגלעכער מענטש מיט דיין נישטיקן קליינעם שליסעלע פֿון פֿאַרשטאַנד דאָס אומענדלעכע שלאָס פֿון דער אייביקייט אויפֿשליסן . . . דאָס וואָס אונדזערע פֿינף זינען באַגרייפֿן און פֿאַרנעמען איז פֿאַר אונדז פֿאַרשטענדלעך, אָבער צי זענען זיי ניט באַשרענקט דורך צייט און רוים? וואָס זאָל דען פֿאַר אַ זין האָבן אונזער אייביק ייִדישע מאַרטיראָלאָגיע, מיר זענען דאָך ווי די בליצן וואָס קומען אייביק אין דער גרעסטער פֿינסטערניש אָנזאָגן אַז דאָס ליכט איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען, אָבער ווען ס׳קומט אָן דער טאָג דערזעט מען אונדז ניט פֿאַר סאַמע ליכטיקייט . . . ווייל אַזוי איז שוין דער גורל, אַז איין ליכט זאָל בטל ווערן אין אַנדערן . . . .

איז וואָס קענען מיר ייִדן שוין אין דעם קריג געווינען? אַז מיר האָבן דאָס טייערסטע און בעסטע אין אים פֿאַרלוירן!! הלוואי זאָלן מיר ייִדן כאָטש אַרויס מיט דער זיכערקייט: פּונקט אַזוי ווי ס׳וועט פֿאַר דייטשלאַנד אוממעגלעך געמאַכט ווערן אַ נאָכאַמאָליקער אָנפֿאַל אויף דער וועלט, זאָל פֿאַר דער וועלט אוממעגלעך געמאַכט ווערן אַ נאָכאַמאָליקער אָנפֿאַל אויף אונדז . . . עס מוז געמאַכט ווערן אַן ענד מיט דער אייביקער שרעק, כּדי ס׳זאָל שוין איינמאָל אויפֿהערן די שרעק. דאָס וועט דערווייל זיין אונדזער גרעסטער געווינס אין דעם איצטיקן קריג . . .

## צו דער עפענונג פוו אונזער נייעם יידישן קולטור הויז,
## 70 קייזענאוו רויד

געוויס וועלן אלע אויפנעמען מיט גרויס פרייד און זיך באטייליקן מיט דעם גרויסן יום טוב, וואס מיר וועלן פייערן ביי דער עפענונג פון אונזער יידישן קולטור־קלוב, ספעציעל אין דער איצטיקער שווערער צייט, ווען דער גרעסטער טייל פון אונזער גרויסן יידישן קולטור־אוצר, וואס איז געווארן אויף א נידערטרעכטיקן אופן געשענדעט פון די היטלער בארבארן, צוזאמען מיט אונזערע שוועסטער און ברידער און קינדער און אלטע לייט.

ווו זיינען היינט די קינדערלעך אונזערע? די הערשעלעך, די משה'לעך מיט זייערע ברענעדיקע קלוגע אויגן. וויפיל „אייניקלעך און אור־אייניקלעך" פון מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ האבן געקענט ארויסוואקסן פון דעם יינגן דור!

ווען מען זאל וועלן זיך גוט אריינטראכטן אין דער טרויעריקער לאגע פון דעם גרויסן אומגליק פון פוילישן יידנטום איז פשוט ניטא קיין ווערטער זיך צו טרייסטן. צי מען וויל אדער ניט מוז מען זאגן אז דאס פוילישע יידנטום איז געווען דער אוואנגארד, דאס הארץ, די נשמה פון גאנצן יידנטום. און אויב מיר זאלן האבן דאס אלץ פארלוירן וועלן מיר בלייבן פארקריפלט, צובראכן, נידערגעשלאגן אן א נשמה.

וואס פארלאנגען מיר פון אייך? אין וואס באשטייט אונזער ארבעט, און וואס האבן מיר שוין באוויזן צו שאפן?

ערשטנס, דער יידישער קולטור קלוב האט זייער א סך ביייגעטראגן צו האלטן פעסט דאס לשון פון יידישן ווארט סיי אויפן קולטורעלן געביט און סיי אויפן ליטעראַרישן א.אז.וו. צווייטנס, מיר האבן באוויזן דורך א קורצע צייט אויפצוקלערן די יידישע באפעלקערונג אין לאנדאן דורך בראשורן, מיטינגען און פארשידענע אונטערנעמונגען די גרויסע געפאר פון אנטיסעמיטיזם וואס וואקסט אין דעם לאנד. דריטנס, מיר באמיען זיך צו העלפן די העלדישע רויטע ארמיי וואס קעמפט מיט דעם גרעסטן העראאיזם זינט די וועלט באשטייט, זיי קעמפן פאר זייער פרייהייט און אויך פאר אונזער פרייהייט. זייער אריינמארשירן קיין פוילן און רומעניע און אין די באלטישע לענדער עפנט נייע וועגן פאר פרייהייט פאר די רעשטלעך איבערגעבליבענע יידן.

ברידער, יידן, ס'קומט די שעה וואס מיר יידן מוזן שטיין אויף דער וואך, מיר מוזן אפהיטן דעם עקזיסטענץ פון אונזער ווייטערדיקן לעבן. און ס'איז זייער וויכטיק פאר יעדן איינעם ווען די שעה וועט קומען אז ער זאל שטיין אויף דער וואך און העלפן אויף ווי ווייט ער וועט קענען און דער זיג זאל זיין וואס שנעלער. אודאי איז לייכטער און באקוועמער צו זיצן ביים פייער אויוון און צו גיין זיך אמוזירען. מען מוז אבער טראכטן אז אונזערע שוועסטער און ברידער וואס געפינען זיך נאך אונטער היטלער'ס לאפעס, ווען די שעה וועט



קומען, וועלן זיי פארלאנגען פון אונז א דין וחשבון. און אויב מיר האבן נישט געקאנט זיי ארויסנעמען פון די פינסטערע געטאס זאל מען כאטש שפינען דעם פאדים פון דער גאלדענער קייט. זאל מען כאטש אויפבויען פרישע שטארקערע בנינים אויף אונזערע צובראכענע חורבות דא דערוויל.

**אברהם בוימערדער.**

אקטיוויסט פון יידישן קולטור קלוב.

## אונזער שבת הגדול

טראץ דעם, וואס ס'איז „מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל", פון איין זייט האט זיך אויפגעעפנט דאס יידישע טעאטער אין אלדער סטריט, א מין „בית־עם"־פילאלע, און מען וויל זיך אביסל אונטערהעלפן מיט קולטורעווען (מהיכא־תיתי!) און פון דער אנדערער זייט, אין אבסא־הויז, סטארעוועט זיך דער „בית־ציון" צו „מאכן" עונג־שבת און איינצו„פונד"עווען זיך אויפסניי... טראץ אלעם, קומט אלץ א גרעסערער עולם,—פון שבת צו שבת אלץ א גרעסערער, קיין עין־הרע! — צו אונזערע יידישלעך היימישע שבת־נאכמיטאגס. דאס איז נישט קיין פראסטער צופאל מסתמא. דאס איז ווייל דער פאלקס־מענטש, דער הארעפאשנער ייד ווייסט, אז אונזער ליטעראטור איז „ועל ראשי שכינת אל"! הלואי—אן אונזער שאדן געזאגט! — וואלטן א מנין לאנדאנער רבנים צוזאמען, געהאט אין זייערע שולן און סינאגאגעס אזא עולם ווי מיר האבן געהאט ביי אונזער „יידיש־ליטעראַרישן שבת־נאכמיטאג", היינטיקן שבת־הגדול.

נאכדעם ווי דער פארזיצער האט גערעדט איבער די פאלקסטימלעכקייט און פאלקלאר פון דער הגדה, האט דער באקאנטער רעוו. ה. מייעראוויטש, דער חזן פון דער דיוקס־פלייס שול, געהאלטן אן אויספירלעכן רעפעראט: „די געשיכטע און די מוזיק פון דער הגדה". ס'איז געווען א וויסענשאפטלעכער פארטראג פון איינעם וואס קען דעם גאנצן ענין פונם מקור, פון א יידישן אייראפעאישן קולטורעלן מענטש, וואס שטייט ביים יידישן לעבן רעליגיעז וואַרעם און טיף נאציאנאל.

רעוו מייעראוויטש, האט באוויזן די שיינקייט פון א נאציאנאל קונסט־ווערק וואס דאס פאלק האט עס געשאפן און באארבעט איבער 3000 יאר.—אין דער צווייטער טייל פון דער הגדה זיינען נאך פאראנען טעקסטן, נישט נאר די נגונים צו זיי, ווי למשל „חד־גדיא", „אדיר הוא", וואס זיינען נאך פערפאסט געווארן אין 15־טן און אין 17־טן יארהונדערט.

חזן רעוו. מייעראוויטש האט אויך געזונגען פארשידענע נוסחאות: ספרדישע, אשכנזישע און חסידישע, און אויך אייגענע קאמפאזיציעס פון דער הגדה. פון דעם פארטראג האבן מיר עפעס געלערנט און פונם זינגען געהאט גרויס הנאה.

אין צווייטן טייל פון אונזער נאכמיטאג האט די שרייבערין קייטי בראון פארגעלייענט אירס א געלונגענע פסח־דערציילונג פון אונזער לאנדאנער יידישן לעבן—יא, די דערציילונג האט אין זיך א שטיק וויטאק פון אונזער וויטשעפל! ביעטש האט פארגעלעזן א פסח־הומארעסקע פון שלום־עליכם. דער פארזיצער האט נאך געלייענט ערב־פסח־באלאדעס און דאס ליד „צו די קארפאטן יידן”. ער האט אויך נאך גערעדט צום סוף איבער דעם סימבאלישן ענין פון קרבן פסח און פון אונזער לעבן איצט אין איראפע.

כדי אונזער יום־טובדיק „פסח־און פרץ־העפטל” זאל זיך ענדיקן בכי־טוב, וועלן מיר נאך אויפשרייבן די מלתא־דבדיחותא, מיט וועלכע רעוו. ה. מייעראוויטש האט געענדיקט זיי רעפעראט:

א ייד, אן ארענדאר פלעגט איינלאדן אלע יאר צום סדר זיין פריץ, איינמאל, נאכדעם ווי דער פריץ האט שוין בייגעוווינט דעם סדר איייניקע מאל, ווען דער ייד איז צוגעקומען צום „לשנה הבא בירושלים” און דער פריץ זיצט דאביי, בלייבט דער ייד זיצן מיט די אויגן צו דער סטעליע, און אנשטאט צו זאגן „לשנה הבא בירושלים”, זאגט ער: „רבונא של עולם, כ'שעם מיך דאך שוין פארן גוי! פאר יאר געזאגט, פאר צוויי יאר געזאגט, פאר דריי יאר — — ווען וועסטו אונז שוין באמת אויסלייזן, רבונא של עולם” — — —

## יידיש - ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אדלער סטריט.—3 אזייגער נאכמיטאג).

שבת, דעם 8־טן אפריל, דעם ערשטן טאג פסח, וועט זיין דער טראדיציאנעלער שבת לכבוד פסח, מיט פארלעזונגען און דעקלאמאציעס פון אונזערע קלאסיקער, שרייבער און פאעטן.

שבת, דעם 15־טן, אחרון של פסח, וועט זיין ווי אלע יאר א גרויסע י. ל. פרץ פייערונג. משה עובד וועט רעדן איבערן שאפן פון י. ל. פרץ. די שוישפילערין הארא דימאנט וועט פארשטעלן דעם „משוגענעם בטלן”: אייזיק גאלדבערג און ביעטש וועלן לייענען פון פרץ'עס דיאלאגן און דערציילונגען דער באקאנטער חזן פ. פיגעטבלום וועט זינגען פרצעס לידער.

שבת, דעם 22־טן, וועט זיין געווידמעט דעם שאפן פון שלום אש. מ'וועט פארלייענען פון אש'ס ווערק און רעדן איבער זיין שאפן.

שבת, דעם 29־טן וועט דער ארבעטער־און קולטור־טוער י. ראלין האלטן דעם דריטן פארטראג פון זיין סעריע „יידן אין לאנדאן”: די איינוואנדערונג פון די סלאווישע לענדער.

א. נ. שטענצל

---

פערלאג און דרוקעריי י. נאראדיצקי און זין, קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1

**פרייז 1 שילינג**

TOWER HAMLETS LIBRARIES

לאנדאן-וויטשעפל מאי 1944 — נומ. 52.

# אונזערע קדושים און העלדן

## אויף די קברים פון די געטא-העלדן

(אזעלכע פרילינג־וואריאציעס הייאר צום 1־טן מאי)

.1

פונקט ווי זיי וואלטן פון בלוט איבערגעגאנגען
שטייען די אפענע טולפן רויט אין דער זון —
פול אנגעזאפט איז די ערד מיט מענטשלעכן בלוט,
אז פון די טולפ־ראנדן איבערגייט אזש דערפון!

און די זון איז זי נישט אזא אנגעזאפטע?
ווי גרויליק בלוטיק זי טריפט דאס איבער מיין קאפ!
א, מיין הארץ, א פארגליווערטס, אן אויפגעציטערטס,
עס איז העננגען געבליבן אין מיר אזא טראפ — — —

.2

ניין, נישט גרעזער איז עס צעגלאנצט אין פרילינג טוי —
זיין גאל ס'האט גאט אויסגעשפיגן אין זיין לייד!
„יבש חציר, נבל ציץ, כי רוח אדוני —”
שעפטשן מיינע ליפן די ביטערע רייד.

און צוגעפאלן מיטן פנים צו דער ערד,
רייסן זשמעניעס גראז פערקראמפטע מיינע הענט.
צעווארפן עס אויף הינטערוואלעכס, אויף דער וועלט —
אונזער ברודער־קבר, וואס נעמט נישט קיין ענד.

## ווי די ליבע און ווי דער אייביקער טויט

אלע יאר ווען די בעז־ביימלעך וועלן בליען
און די שוואלבן אנציען איבער די שטעט,
וועלן מיידלעך זינגען אין זייערע לידער,
פון דעם גרויליקן וואס מיט אייך איצט געשעט.

אין זייער טיפן צער זיי וועלן פארגעסן,
אלין פארטיפטער זינגענדיק דאס ליבע־ליד!